STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02103

LIEDER FAR'N FOLK

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

* * *

(פון ר׳ יהודה הלוי).

בײַנקסט אויך נאָך דײַנע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעווייַהטע און צושפּרייטע, בײַנקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליעבען גרוס בעקומען?
דאָ האָסטו איהם! אַ גרוס פון נאָהענטע און ווײַטע!
אין האַרצען דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך יַמים און מִדְבָּרִיות,
צו דיר אין שוים אײַן עלענד קינד דײַנס, אײַנער
פון די, וואָס זאַפּען־אָן, ווי טוי דײַן חֶרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרעהרען
און שטאַרבען אין דער פרעמד פערליעבטע און פערבײַנקטע...
מיך ציהט צו דיר!... בײַנאַכט אויף דײַנע חורבות
בין איך דײַן נאַכטאַײַלע, דײַן יאָמער־ליעד,
און חלומט זיך מיר נור דײַן מאָרגענשטערען — ווער איך
דײַן נאַכטיגאַל, דײַן קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציהט צו דיר! מײַן האַרץ געהט־אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אָבות האָבען זיך בעגעגענט מיט מַלְאָכִים,
וואו די שְכִינָה האָט גערוהט, וואו דײַן בעשעפער

האָט דײַנע טויערן, די הייליגע געעפענט
אַנקעגען זײַנע הימעלשע שערים,
וואו ניט די זון און ניט לְבָנָה, שטערן —
גאָט'ס ערע זעלבסט האָט דיר בעשײַנט מיט גלאַנץ ...
איך גאַר, אַז אויסגיסען זאָל זיך מײַן זעלע דאָרטען,
וואו ס'פּלעג אַמאָל גאָט'ס גײַסט און גאָט'ס גענאָד זיך גיסען
אויף דײַנע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעהמט מען פליגעל?! שטיקערווײַז וואָלט איך מײַן האַרץ
ווײַט־ווײַט צווישען דײַנע בערג פערטראָגען,
כ'וואָלט צוגעפאַלען צו דײַן ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעם שטײנדעלע בעזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרפיסער אויף דײַנע חורבות,
כ'וואָלט מיט מײַן שטעקען אויסגעמאָסטען אַלע קְבָרִים,
מיט דײַן נְשָׁמָה־לופט זיך אָנגעאָטהעמט,
זיך אײַנגעוויקעלט אין דײַן זיסען שטויב,
און ביז צו'ם בלינד ווערען בעוויינט דײַן חורבן, ציון ...
צי קען די שײַן פאַר מײַנע אויגען זיס זײַן —
אַז שוואַרצע ראָבען פּיקען דײַנע אָדלערס;
צי קען מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן —
ווי גאַס־הינד שלעפּען דײַנע טויטע לײַבען ...
גענוג, לאָז־אָפּ אײן ווײַלע, כוס פון טרויער!
מײַן האַרץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט,
כ'האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך דײַן שוים מיט דײַנע הייוען ...
גענוג! איך וויל אײן חלום זעהן און שטאַרבען ...
כ'וויל זעהן, אָ, גרויסער גאָט, נור אײן שטראַהל ליכט,
נור אײן שטראַהל ליכט פון יענעם מאָרגענשטערען,

וואָס דאַרף, וואָס מוז אַ מאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציונ׳ס בלויען הימעל,
בעגייען און בעפרישען זי מיט יוגענד...
גענוג, איין זיסען חָלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען...

ח, נ. ביאליק.

אִין דֶער פְרֶעמְד.

אִיךְ גֶעה אַרוּם אִין פרֶעמדֶען וואַלד,
עֶס לַייכט דִי זוּן, נאָר מִיר אִיז קאַלט —
זִינגֶען וויל אִיךְ, מַיין גֶעזאַנג
ווֶערט פֶערשטוּמט אָהן ווִידֶער־קלאַנג...

עֶס אִיז קַיין פרַייעֶ לִיעבעֶ ווֶעלט,
עֶס גרִינט אוּן בלִיהט דאָס פרֶעמדֶע פֶעלד,
אִיךְ רַייס אַ בלוּם אוּן לֶעג אִין שוֹים,
אַךְ, מִיךְ שטֶעכט דִי פרֶעמדֶע רוֹיז!

י. ל. פרץ.

געהענדיג נאך צווייגען.

דער שבועות קומט, דער שבועות קומט!
מען דאַרף דאָס שטיבעלע בעהענגען
מיט גרינע צווייגען — אַך, וואוהין
זאָל איך מיך ווענדען געהן זיי ברענגען?...

נור זאַמד און שטויב האָט אונזער גאַס,
און וויסט פון ביימער, וויסט פון גראָזען!
וואו נעהמט מען גרינס אויף שבועות, וואו?...
וואוהין, וואוהין זאָל איך מיך לאָזען?...

איך נעהם זיך הינטער'ן געסיל געהן,
וואו גוי'שע הייזעלעך זיך ציהען;
עס רוישט אַ בוים ביי יעדער שטוב,
און ס'גרינט דאָס גראָז און בלומען בליהען...

עס קוקט דאָס אויג, עס קלעמט דאָס האַרץ
און ס'וויינט אין מיר די זעלע מיינע;
עס ציהט דאָס הענדעל זיך צום בוים,
אין אויער קלינגט: אַוועק — ניט דיינע!...

איך געה, איך געה, — די זון זי שיינט,
דער הימעל ריין און קלאָר און הייטער...
עס וואַקסען ביימער אויפ'ן וועג —
איך, אָרים־קינד, געה ווייטער, ווייטער...

אברהם רייזין.

* * *

פון דעם גרויסען ים דערווייטערט,
וואו די חוואליעס שלאגען ווילד,
ערגעץ ליגט א מויערקעפעל,
דאך עס פיהלט,

ווען די שטאלצע חוואליעס יאגען
און א מעכטיגען גאלאפ —
און דאס קליינע מויערקעפעל
ענטפערט־אפ ...

ווייט פון פאלק, פון דארט, וואו ס'וארצעלט
פול מיט זאפט זיין ברייטער שטאם,
שפיר איך, ווי דאס מויערקעפעל
צו דעם ים ...

שטייגט, צי פאלט פון פאלק דער דופק,
וואקסט זיין שטאלץ, צי פאלט זיין מוטה,
מיין נשמה הער'ט איבער,
וואס עס טהוט ...

פון זיין דענקען, פון זיין שטרעבען
ציטערט דורך מיין ברוסט דער שטראהל,
און איך לעב דאס גלות־לעבען
פון דעם כלל ...

יהואש.



פונ׳ם ליעד „א זומער־נאכט“.

די נאכט איז שטיל, די נאכט איז פינסטער,
מיט שווארצע שאטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך. די גערטנער שלאפען;
עס וועהט מיט פרישע גראז; עס שמעקט
פון וואלד מיט שוואמען און מיט בלומען;
די לופט איז ריין, און פריש און קיהל.
אלץ שלאפט און רוהט אין שטילען פריעדען, —
נאר פון דער אלטער וואסער־מיהל
העր איך צוויי ליעבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואהנען דארט;
זיי וואָרקען, האלדזען זיך... ווי רוהיג
איז זיי אויף זייער שטילען אָרט!...
איך געה אהין. אן אלטע ווערבע

שטעהט אויפ'ן שטילען גרינעם ברעג;
זי איז מײַן פרײַנד, זי איז מײַן חבֿר
אין מײַנע טרויעריגע טעג.
מיר זענען ליעב די אַלטע צווײַגען,
וואָס הענגען טרויעריג אַראָפּ,
גלײַך ווי פּערצײַטען בײַ אַן אָבֿל
די האָר פון טרויעריגען קאָפּ.
זי איז מיר ליעב די אַלטע ווערבע;
אָפט זיץ איך אײַנזאַם אונטער איהר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווײַגען,
גיסט־אויס אַ זיסע רוה אויף מיר.
פאַר וואָס־זשע ציטערסטו, מײַן קראַנקעס,
מײַן עלענד הארץ, אין פּײַן, אין שרעק?
די אַלטע טרויעריגע בילדער —
אַך, געהט־אַוועק פון מיר, אַוועק!...
ניין, ברידער מײַנע! אײביג טראָגען
מוז איך מײַן גרויסען שווערען יאָך;
ניטאָ פאַר מיר קײַן רוה, קײַן פרידען:
די אַלטע בילדער לעבען נאָך...
אין טיעפען שלאָף, אין שטילען דרימעל
שטעהט־אויף אַ ווײַטעס, ליעבעס לאַנד
מיט אַלטע הויכע גרויסע דעמבעס,
וואָס וואַקסען בײַ אַן אַלטער וואַנד...

בײַ יענער וואַנד פון בית־המקדש,
וואָס איז פאַר אונז געבליבען שטעהן,
ווי אַ מצבֿה, אַ זכּרון

פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען...
איך זעה דאָס פעלד, איך זעה די קְבָרִים,
אין וועלכע ס'ליעגט דאָס אַלטע גליק,
די קראַפט און מוטה און פרייד, פאַר וועלכע
עס איז ניטאָ קיין וועג צוריק...
פון באַרג נְבוֹ, פון ראש הַפִּסְגָה
שטעהט־אויף אַ הויכער גרויער מאַן,
איך הער אַ קלאָג, אַ טיפען יאָמער:
„ביז וואַן, דו שטאַרקער גאָט! ביז וואַן!"...
עס הויבט זיך אויף אַ ווינד, אַ שטורם,
עס געהט אַ יאָמער, אַ געשריי...
די גרויסע דעמבעס רוישען, ברומען,
די צווייגען ברעכען זיך אויף ציי, —

און פון דער אַלטער וואַנד טהוט געהן
אַ קלאָג פון גרויסען, טיפען שמערץ...
שלאָף איין, שלאָף איין, דו אַלטעס אומגליק,
גיב רוה צו מיין פעריאָמערט הערץ!...

ש. פרוג.

פוּנ׳ם לִיעד „סְפִירָה״.

אַ צִיטעֶרִיגעֶ תְקִיעָה, אַ תְּרוּעָה, אַ שְׁבָרִים, —
אָט דאָס אִיז אַצוּנדעֶר דעֶר יוּדִישעֶר גוּסט,
אַ גוּסט, וואָס דעֶרוועֶקט נוּר געֶפִיהלעֶן צוּ קְבָרִים,
אַ גוּסט, וואָס צעֶרשמעֶטעֶרט אַ שטאָהלעֶנעֶ ברוּסט.

אַ תְּפִלָּה לְעָנִי, אַ יַעֲלֶה, אַ קִינָה,
אָט דאָס אִיז די יוּדִישעֶ בעֶסטעֶ מוּזִיק,
ווַיט דאָרט אִין זַיין הַיילִיגעֶר בְּשָׁמַיִם־מְדִינָה
פעֶרשטעֶרט אִיז געֶוואָרעֶן זַיין פרַייד אוּן זַיין גלִיק.

אוּן ווַיט אִין זַיין טעֶמפעֶל צעֶרשמעֶטעֶרט, צוּרִיבעֶן
זַיין פַיינד האָט די זִיסטעֶ כְּלֵי־זֶמֶר, אִיז נוּר
דעֶם יוּדעֶל דעֶר קלעֶגלִיכעֶר שוֹפָר געֶבלִיבעֶן,
אויף וועֶלכעֶן עֶר הלִיפעֶט נוּר אַיינמאָל אַ יאָהר...

מארים ראזענפעלד.

מַיין נִיט־בֶּעצָאהלְטֶער חוֹב.

עֶס הַייִנגט אויף מַײן קאָפּ ווִי אַ כמַארֶע
דַײן פִינסטֶערֶער גוֹרָל, מַײן אוּמָה,
עֶס גלאָצֶען מִיך אָן וואו אִיך קֶעהר זִיך,
פֶערווֵייִנט דַײנֶע אויגֶען דִי שטוּמֶע...

זִיי זֶעה אִיך בַּײנַאכט אויף מַײן קִישֶען,
אִין פִיעבֶּער־צוּרִיסֶענֶעם שלוּמֶער;
זִיי שווִימֶען־אַרוּים אִין דֶער פִינסטֶער,
ווִי שטֶערֶען פוּן אוּנגלִיק אַרוּם מִיר...

אוּן זוּך אִיך אִין לֶעבֶּענס־גֶעטִימֶעל
מַחֲשָׁבוֹת פוּן נַאכט צוּ פֶערטרייבֶּען,
מִיך בְּרִיהֶען אוּן גלִיהֶען דִי אויגֶען,
אוּן כ׳קֶען זִיך קַײן רוּה נִיט עֶרלויבֶּען...

צִי אִיז דאָס אַ פאָרוואוּרף אַ בֵּייזֶער,
וואָס מוּסֶר׳ט מַײן פוּלֶע נְשָׁמָה? —
צִי אִיז דאָס אַ שלַאכט־רוּף, וואָס מאָהנט מִיך
צוּ צאָהלֶען מַײן פפלִיכט פוּן מִלְחָמָה? —

אִיך בִּין אַ בַּעַל־חוֹב דִיר אַ גרויסֶער,
מַײן אָרִימֶעס פאָלק — אוּן וואָלט גֶערֶען
מַײן גַאנצֶעס פֶערמֶעגֶען דִיר גֶעבֶּען —
כ׳פֶערמאָג אָבֶּער מֶעהר נִיט ווִי טרֶעהרֶען...

יהואש.

זַאמד און שְׁטֶערֶען.

עֶס שײַנט די לְבָנָה; עֶס גלאַנצען די שטערען;
די נאַכט שוועבט אויף בערג און אויף טהאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליעגט פאַר מיר אָפּען,
איך לייען עס, לייען עס טויזענדער מאָל.

איך לייען די הייליגע טײַערע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: „איך שווער —
מײַן פאָלק, דו ווערסט זײַן ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאַמד אויפ'ן ברעג פונ'ם מער..."

רִבּונו שֶׁל עולָם! עס ווערט ניט פערפאַלען
פון דײַנע הַבְטָחות קײַן איינציגעס וואָרט;
מְקוּיָם מוז ווערען דײַן הייליגער ווילען,
אַלץ קומט אין זײַן צײַט, אויף זײַן אָרט.

און איינס איז שוין טאַקי מְקוּיָם געוואָרען —
דאָס פיהל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געוואָרען ווי זאַמד, וואָס איז הֶפְקֵר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, אֶמֶת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפּרייט און צעוואָרפען אויף שאַנד און אויף שפּאָט...
נו, אָבער די שטערען, די ליכטיגע, קלאָרע —
די שטערען, די שטערען — וואו זענען זיי, גאָט?!...

ש. פרוג.

אויפ׳ן בוזים פון ים.

דער שרעקליכער ווינד, דער געפעהרליכער שטורעם,
ער ראנגעלט זיך דארט מיט א שיף אויפ׳ן מעער;
ער וויל זי צובּרעכען, און זי מיט יסורים
שניידט־דורך אלע טיעפעניש, קרעכצענדיג שווער.

עס טרעשטשעט דער מאסט־בּוים, דער זעגעל, ער ציטערט,
דער רוישענדער וואסער איז מורא׳דיג טיעף; —
עס קעמפּפען מיט צארען, עס שטרייטען פערבּיטערט
אויף טוידט און אויף לעבען דער ווינד מיט דער שיף.

אט מוז זי זיך לעגען, אט מוז זי זיך שטעלען,
אט טרייבט עס צוריק אהער, אט טרייבט עס פאראויס, —
א שפּילכעל איז איצטער די שיף ביי די וועלען,
זיי שלינגען זי איין — און זיי שפּייען זי אויס.

עס ליאַרעמט דער יַם, און עס הויבּען זיך חוואַליעס;
עס הוזשעט, עס פּילדערט מיט שרעק און מיט גרויל; —
דער שטורעם, דער גַזְלָן, וויל אומבּרײַנגען אַלעס,
דער תְּהוֹם עפּענט־אויף זײַן פערשלאָסענע מויל.

עס הערען זיך זיפצען, עס הערט זיך אײַן בּעטען,
ס׳איז גרויס די סַכָּנָה, ס׳איז שרעקליך די נויט,
און יעדערער בּעט בּײַ זײַן גאָט ער זאָל רעטען,
בּעפרײַען די מענשען פון זיכערען טוידט.

דאָס ווײַנען די קינדער, עס קלאָגען די ווײַבּער,
מען שרײַט און מען איז זיך מִתְוַדֶה אַצינד,
עס פלאַטערען זעגלען, עס ציטערען לײַבּער
פאַר שרעק פון דעם בּײַזען, פערגיכטענדען ווינד.

דאָך אונטען, אין צווישען־דעק, זיצען צוויי מענער
גאַנץ רוהיג, זיי ריהרט ניט דער מינדעסטער וועה;
זיי זוכען קײַן רעטונג, זיי קלערען קײַן פלענער,
ווי אַלץ וואָלט זײַן זיכער און שטום אַרום זיי.

עס ליאַרעמט דאָס וואַסער, די וועלען זיי שוימען,
עס וואָיעט, עס מיאועט מְשוּנֶה דער ווינד;
עס סאַפּעט דער קעסעל, עס הוזשעט דער קוימען,
דאָך אונטען די צוויי, זעהט, זיי שווײַגען אַצינד.

זיי קוקען מיט קאַלטקײַט דעם טוידט אין די אויגען,
זיי ריהרט ניט דעם שטורעמס געפעהרליכע מאַכט;
עס שײַנט, אַז דער טוידט האָט אַלײן נאָר ערצויגען
זיי בּײדען אין שרעק און אין פינסטערע נאַכט.

„ווער ווייסט איהר אונגליקליכע, — לאָזט עס דאָך הערען, —
וואָס קענען פערשוויינען די גוואַלדיגסטע נויט,
וואָס האָבען קיין זיפצען, און האָבען קיין טרעהרען,
אַפילו ביים שרעקליכען טויער פון טויט?

„זאָגט, האָבען אייך טאַקע נאָר קְבָרִים געבאָרען?
איהר לאָזט גאָר קיין עלטערן, ווייב אָדער קינד,
צו וויינען נאָך אייך, ווען איהר ווערט דאָ פערלאָרען
אין טיעפען, אין שרעקליכען אָבגרונד אַצינד?

„ווי? לאָזט איהר ניט קיינעם, וואָס איהם זאָל פערדריסען,
וואָס ער זאָל ווען בענקען, צי לאָזען אַ טרעהר,
ווען אייך וועט דער נאַסער בֵּית־עולָם פערגיסען,
ווען איהר וועט דאָ קיינמאָל צוריק קעהרען מעהר?

„ווי? האָט איהר קיין פאָטערלאַנד גאָר, קיין מְדִינָה,
קיין היים, וואו צו קומען, קיין פריינדליכע שטוב,
וואָס איהר האָט בעהאַלטען אין זיך אַזאַ שִׂנְאָה
צום לעבען און וואַרט אויף דער פינסטערע גרוב?

„איהר האָט גאָר קיינעם אין הימעל דאָרט אויבען,
צו וועמען צו שרייען, ווען איהר זענט אין צַעַר?
איהר האָט גאָר קיין פאָלק ניט, איהר האָט ניט קיין גלויבען?
פערלאָרענע, וואָס איז מיט אייך פאַר אַ גְזֵר?"

עס געגעצט די אָבגרונד, עס ברויזען די אינדען,
עס קראַכען די לייטערס פון שיף און עס טראָגט,
עס הוליעט דער שטורעם, עס פייפען די ווינדען,
און איינער האָט ענדליך מיט טרעהרען געזאָגט:

„דער שוואַרצער בית־עולם איז ניט אונזער מוטער,
עס איז אונזער וויעג ניט דער קבר געווען; —
עס האָט אונז געבאָרען אַ מלאך, אַ גוטער,
אַ טייערע מוטער מיט ליעבע פערוועהן.

„עס האָט אונז געפּעסטיעט אַ מאַמע, ערצויגען
אַ צערטליכע, װאַרעמע, פריינדליכע ברוסט,
געקיכעלט און שטענדיג געקוקט אין די אויגען
האָט אונז אויך אַ פאָטער און ליעבליך געקוסט.

„מיר האָבען אַ הויז, נאָר מען האָט עס צובראָכען,
און אונזערע הייליגסטע זאַכען פערברענט,
די ליעבסטע און בעסטע פערוואַנדעלט אין קנאָכען,
די לעצטע פעריאָגט מיט געבונדענע הענד.

„מען קען אונזער לאַנד, אָ, זי לאָזט זיך דערקענען,
דורך יאָגען, דורך שלאָגען, ניט װערענדיג מיעד,
דורך ווילדע פּאָגראָמען, דורך ברעכען און ברענען,
דורך זוכען דעם טויט פאַר דעם עלענדען יוד.

„און מיר זענען יודען, פערוואָגעלטע יודען,
אָהן פריינד און אָהן פריידען, אָהן האָפנונג אויף גליק, —
ניט פרעגט מעהר, אָ, פרעגט ניט, אָ, זעהט, לאָזט צופריעדען!
עס טרייבט אונז איין לאַנד צו דעם צווייטען צוריק.

„אַהינצו, פון וואַנען מיר זענען ענטלאָפען,
אַהינצו, דערפאַר, וואָס מיר האָבען קיין געלד;
אויף וואָס בלייבט אונז איצטער צו װאַרטען, צו האָפען?
וואָס טויג אונז דאָס לעבען, די פינסטערע וועלט?

„איהר האָט וואָס צו וויינען, איהר האָט וואָס צו ברומען,
איהר האָט וואָס צו שרעקען זיך איצט פאַר דעם טויט,
איהר האָט געוויס אַלע אַ היים, וואו צו קומען,
און פאָהרט פון אַמעריקאַ אויך ניט אויס נויט.

„דאָך מיר זענען עלענדע, גלייך צו די שטיינער;
די ערד איז צו שלעכט אונז צו שענקען איין אָרט —
מיר פאָהרען, דאָך, ליידער, עס וואַרט אויף אונז קיינער,
ערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואו רייזען מיר פאָרט!

„זאָל שטורמען דער ווינד, זאָל ער ברומען מיט צאָרען,
זאָל זידען און קאָכען, זאָל רוישען דער גרונד!
דען סיי ווי סיי זענען מיר יודען פערלאָרען,
דער ים נאָר פערלעשט אונזער ברענענדע וואונד...“

מאָריס ראָזענפעלד.

מײַן פרײַנד, ציִ דו װײסט?...

מײַן פרײַנד, ציִ דו װײסט,
װאָס הײסט און בעדײַט
אַ ביטערע צײַט?...
ציִ פיהלסטו װאָס הײסט
אַ פֿאָלק אין אַ צַער,
אַ פֿאָלק אין געפֿאַהר?...

ציִ פיהלסטו, מײַן פרײַנד,
װי טיעף איז דער װעה,
װען ס'הערט זיך פון פײַנד
אַ װילדער געשרעה?

אַט וועהסטו — ער קומט
מיט רציחה און וואוט,
אַט הערסטו — ער ברומט,
און דאַרשט נאָך דיין בלוט, —

און האָסט ניט וואוהין
נאָך רעטונג צו געהן,
נאָר סיידען צו איהם,
צום שונא אַליין!...

צי פיהלסטו, מיין פריינד,
וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פאָלק'ל אַ קליינס
און גרויס איז דער פיינד?...

אָהן וואָפען, אָהן מוט...
און האָט ניט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט!...

אברהם רייזין.

דאָס לעצטע וואָרט.

(נביאיש).

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט —
ער האָט געזעהן: איהר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזעהן: איהר פוילט און פאַלט,
איהר ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר אַלט;
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד,
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אָן אייך דערמאַהנט
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו־שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מעהר!...
געה, רייס פון זייער הארץ איין „אוי!"
שיס־אויס פון זייער אויג אַ טרעהר!
און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,

אַזוי — די ערד זאָל טהון אַ ציטער
און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפּאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;
נאָר איין געפיהל און איין פערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך — קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אייער וועהטיג,
איך האָב געמיינט: מיין הילף איז נויטיג.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גיהנם...
איך האָב געהערט: עס איז אייך שווער,
האָב איך געמיינט: איהר פיהלט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרעהר
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,
און טייער זענען די מינוטען...
„איך געה, איך קום — כ'וועל היילען וואונדען,
מיט אייך איינאיינעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פערבינדען
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ'וועל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען —
און וועל ניט לאָזען געהן צו גרונד!

איך גײה, איך קום — איך טראָג אַ טרײסט,
איך טראָג אַ בְּשׂוֹרָה פון נֶחָמָה;
איך בין געבענשט פון גאָט מיט גײַסט —
איך װעל אײַך שענקען מײַן נְשָׁמָה...
איך בין פון גאָט מיט מוטה בעשמידט,
װאָס רײַסט־אױס בערג און װערט ניט מיִעד,
װאָס לאָזט מײַן רוקען זיך נישט בױגען
און קוקט דעם בײז גלײַך אין די אױגען;
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפע, װי אַ שאַרפער קלונג, —
אױב איהר זענט שטײן — איז זי אײַזען,
אױב איהר זענט אײַזען — איז זי שטאָהל...
איך קום, איך װעל זיך נאָר בעװײַזען —
און איהר װעט אױפשטעהן מיט אַ מאָל!"...
איצט שטעה איך אונטער אײַער טהיר —
און אָבגענומען איז מײַן לָשׁוֹן;
עס הײַנגט אַ שװערע נאַכט אויף מיר —
מײַן פונק, מײַן ליכט איז אױסגעלאָשען.
מיך האָט בעגעגענט שפּאָט און שאַנד,
איהר האָט פאַר מיר די טהיר פערמאַכט —
און אָבגעשטױסען איז גאָטס האַנד
און גאָטעס װאָרט איז אױסגעלאַכט...

בין איך צו אײַך אין שמוץ געקראָכען
און אַלע קלײדער אײַנגעריכט,
כ'האָב מיט די הענד פאַר אײַך געבראָכען
און הילף בײַ אײַך פאַר אײַך געזוכט...

נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תּפֿלה האָט געהערט די וואַנד,
איהר האָט פֿאַר מיר די טהיר פֿערמאַכט;
און אָבגעשטויסען איז גאָטס האַנד!
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!...

נאָר ווייסט, איהר אונגליקליכע, ווייסט —
איך האָב ניט מעהר פֿאַר אייך קיין טרייסט...
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעקליך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבען פֿון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכען שוואַרץ
און וועט פֿער'סמ'ען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פֿערגיפֿטען אייך דעם ביסען
און ביטער מאַכען אייך דאָס ברויט;
דאָס לעבען וועט דאָס אייך פֿער'מיאוס'ען
און וועט ניט געבען אייך דעם טויט...
ניטאָ פֿאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פֿערברענט שוין מיין נשמה,
איך האָב מיין בונד מיט אייך צוריסען...
צובראָכען ליגט אין דר'ערד מיין מוטה —
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסען
און וועל בעשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס איין „אוי!"
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,

אַז ציטערען זאָל באַרג און טאָהל;
און נעהם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט טויבע, הערט!
עס געהט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט בעגיסען —
נאָר איהר אַליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט פון קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייט, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אַרומלויפען פער׳סמ׳ט
אַהין, אַהער, פאַר טויזענד מייל,
און בעטען, חלש׳ען אַ שטראַהל...
נאָר איך בעגעגענט אַ געלעכטער,
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פערזאַמט...

איך שליס־אויף אוצרות לעבען, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צוגיבען —
נור איהר אַליין וועט זיין פערשמאַכט,
און אייער קוואַל וועל איך בעטריבען;
און טרוקענע, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אין פרעמדע טהירען קלאַפּען,
מיט׳ן פּנים צו דער ערד צופאַלען
און איבער פרעמדע קוואַלען קניהען,
און דאָרשטיג אייער האַלז אויסציהען,
און בעטען, חלש׳ען — אַ טראָפּען...
נאָר איך בעגעגענט אַ געלעכטער,
פאַר איך פערשלאָסען אַלע קוואַלען.

איך שיק אַראָב אַ מילדען גייסט,
וואָס פרישט ווי טהוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איהר וועט טרוקען זיין ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלען טהוי.
איהר? — איהר וועט אייביג פוילען, שימלען.
און אויב ס׳איז נאָך פון פריהער געבליבען
אַ פונק פון גייסט, געפיהל און גלויבען,
אַן׳ערענסטער זיפץ, אַ הייסע טרעהר — —
וועל איך דאָס איינציגוויין אָברויבען.
און אייער האַרץ וועט בלייבען לער
אָהן טַעַם, אָהן רֵיחַ, אָהן לייב און לעבען.

און וויסט וועט ווערען אייער צעלט,
און אומשלעפען וועט איהר זיך מידע,
ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סְעוּדָה,
און שטעהענדיג ביי פרעמדע שוועלען,
וועט איהר די וואונדען זיך אויפדעקען
און וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
אַ ציטעריגע האַנד אויסשטרעקען
און בעטען הילף אויף בעטלער־לָשון —
נאָר אויסבעטלען וועט איהר פאַר געלד,
און לעבען וועט איהר פאַר אַ גראָשען...

און שווער וועט אייך דאָס לעבען ווערען —
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערען...

און אײַער קרעכץ פֿערטראָגט דער ווינד
און אײַער קול וויל גאָט ניט הערען...
און שרעקליך גרוים וועט זײַן די נויט,
ווי גרוים און שרעקליך איז די זינד;
און איהר וועט חלש'ען דעם טויט
און בענקען וועט איהר נאָכ'ן לעבען...
נאָר גאָט וועט אײַך ניט ביידע געבען...
און שרעקליך וועה וועט זײַן דער שמאַרץ...
אַפילו אײַער אייגען האַרץ
וועט אײַער אייגען מויל ניט גלויבען...
איהר וועט זיך פּרובען הויבען, הויבען —
אַנ'אָטהעם טהון — און וועט ניט קאָנען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר בעגראָבען
זענט איהר דאָרט לעבעדיגערהייט...
דאָס איז אַ פֿײַערדיגער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבען —
נאָר ס'איז אַ גיהנם אָהן אַ טויט...
און גאָט זאָגט מיר:
איצט געה אַראָב
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טהו אַ וואָרף, און זאָג דערבײַ
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
„אַזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!"
און רעד ניט מעהר, ניט וויין, ניט שרײַ,
בויג־אָן דעם קאָפּ און ווער פֿערשטומט ——
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט...

ח. נ. ביאליק.

האָט רַחֲמָנוּת.

I.

שטראָמען בלוט און טײַכען טרעהרען
זידען, פליסען טיעף און ברײט...
אונזער אַלטער, גרויסער אומגליק
האָט זײַן האַנד אויף אונז פערשפרײט.

הערט איהר דאָרט ווי מוטערס קלאָגען,
און פון קינדער דאָס געשרײ?
טויטע ליעגען אויף די גאַסען,
קראַנקע פאַלען נעבען זיי...

ברידער, שוועסטער, האָט רַחֲמָנוּת!
גרויס און שרעקליך איז די נויט,
גיט די טויטע אויף תַּכְרִיכִים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

II.

פון דער ווײַטען שווער צו פיהלען:
ווײַטע טרעהרען — פרעמד געוויין,
ווײַטער אומגליק — פרעמדער אומגליק,
פרעמדעס בלוט... ניין, ברידער, ניין!

הערצער טויזענד — און איין וועהטאָג;
טויזענד הײַזער — און איין טהיר;

אַלעֶ, אַלעֶ — אײַן פּעֶרקלאָגטעֶר,
קראַנקעֶר יָתוֹם זעֶנעֶן מִיר!...

בּרִידעֶר, שוועֶסטעֶר, האָט רַחֲמָנוֹת!
גרוֹים און שרעֶקלִיך אִיז די נוֹיט,
גִיט די טוֹיטעֶ אוֹיף תַּכְרִיכִים,
גִיט די לעֶבּעֶדִיגעֶ בּרוֹיט!...

שטראָמעֶן בּלוּט און טײַכעֶן טרעֶהרעֶן
זִידעֶן, פּלִיסעֶן אָהן אַ שִׁיעוּר...
אֵימַת־מָוֶת קוּקט אִין פּעֶנסטעֶר
און דעֶר הוּנגעֶר קלאַפּט אִין טהִיר...

שלאַף אִיז אוּנזעֶר האַנד צוּ שטרײַטעֶן,
שטאַרק און שווער אִיז אוּנזעֶר שמאַרץ...
קוּם־זשעֶ דוּ מִיט טרײסט און לִיעבּעֶ,
גוּטעֶס, הײמעֶס יוּדִישׁ האַרץ...

בּרִידעֶר, שוועֶסטעֶר, האָט רַחֲמָנוֹת!
גרוֹים און שרעֶקלִיך אִיז די נוֹיט,
גִיט די טוֹיטעֶ אוֹיף תַּכְרִיכִים,
גִיט די לעֶבּעֶדִיגעֶ בּרוֹיט!...

ש. פרוג.

Cleveland, Ohio

פון דֶער פָּאעֶמַא
„שְׁחִיטָה שְׁטָאדְט“.

I.

און ווילד, מְשוּגָע ווילד, פֶערקריכסטו אויף אַ בוידֶעם
און בלייבסט דאָרט שטֶעהן אין פינסטֶערניש אַליין;
דו פיהלסט? דאָ שוועבּט נאָך איצט אַרום דער טויט־שרֶעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטֶען שוואַרצֶען פליגֶעל
און פריהרט די וואָרצלֶען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלֶע שוואַרצֶע לֶעכֶער —
זֶעה אויגֶען, אויגֶען, שטומֶע אויגֶען קוקֶען...
דאָס קוקֶען די נְשָׁמוֹת פון די קְדוֹשִׁים,
פֶערוואָגֶעלטֶע, פֶערשטויסֶענֶע נְשָׁמוֹת,
וואָס האָבֶּען זיך איינאייינֶעם דאָ אין ווינקֶעל
צוזויפגֶעפּרֶעסט דֶערשראָקֶענֶע — און וויינֶען...
אָט־דאָ האָט זיי די שאַרפֶע האַק גֶעפונֶען

און אָט־אַהערצו קומען זיי אַ קוק טהון,
צום לעצטען מאָל אין זייערע שוואַרץ־אַפּלען
פֿאַר׳חַתמ׳נען פֿון זייער סוף דעם אָבשײַן,
די גאַנצע שרעק פֿון זייער טויט דעם ווילדען,
די גאַנצע תּוכחה פֿון זייער וויסטען לעבען...
און ציטערינד, ווי טויבען פֿאַר דער שחיטה,
דאָ טולען זיי זיך צו דעם דאַך אינאײנעם
און קוקען לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגען,
וואָס מאָהנען נור און פֿרעגען דיך אָהן לשון
און טַעֲנָה׳ן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טַעֲנָה,
וואָס האָט נאָך קײנמאָל ניט דערגרייכט צום הימעל
און וועט צום הימעל קײנמאָל ניט דערגרייכען:
„פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס? און נאָך אַמאָל פֿאַר וואָס?“

II.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער בלאָנזעט
מיט צוגעמאַכטע אויגען אין דער פֿינסטער,
פֿערטיעפֿט אין אָבגרינדען פֿון גרויסען אומעט,
שטרעקט־אויס פֿאַר זיך צוויי דאַרע הענד צום שוואַרצען
מיט שטומע אַנגסטען אָנגעפֿילטען חלל
און טאַפּט דאָס פֿינסטערניש מיט בלינדע פֿינגער,
ניט זוכענדיג קײן אויסוועג פֿאַר זײן טרויער —
ס׳איז ער, ס׳איז ער אַלײן, דער גרויסער שמערץ־גײַסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פֿערשלאָסען דאָ אין תּפֿיסה
און אָהן רחמנות זיך אַלײן פֿער׳משפּט
אויף אײביגע, אויף גרויסע שטומע לײדען;

און ערגיץ דאָ אין שטאַל, אַרום אייך ביידע,
איז נע־ונד, און שוועבט אַרום און רוהט ניט,
און קאָן פאַר זיך קיין ווינקעל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט־מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ־רייסענד! ווײנען וויל זי — און זי קאָן ניט,
האָטש איין געשריי טהון — און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט איהרע טרעהרען,
פערשפרייט די פליגעל איבער די קדושים,
פערלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פערגעהט זיך
און ווײנט, און ווײנט אין זיך אָהן לשון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

III.

איצט געה אַרויס פון שטאָדט, ווען קיינער זעהט ניט
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעליך, צום בית־עלמין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושים׳ס קברים,
און שטעה, און קוק, און לאָז אַראָפּ די ברעמען —
און ווער פערשטיינערט!
דיין האַרץ זאָל אויסגעהן, חלש׳ען אַ טרעהר —
נאָר טרוקען ווי אַ שטיין אין מדבר בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלען, רייסען קברים,
און ברילען ווי אַנ׳אָקס צום שחיטה־באַנק געבונדען —
נור שטום ווי די מצבות בלייבסטו שטעהן.
נעהם קוק זיי אָן, דאָ זענען זיי די קדושים,
דאָ ליגען זיי געשחט׳ענע ווי קעלבער
און האָסט פאַר זיי קיין טרעהר, ווי איך — קיין לוין...
איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער,
ביי אייך מחילה בעטען: זייט מיר מוחל!

זײַט מוחל אײַער גאָט, איהר אײביגע פערשעמטע,
פאַר אײַער ביטערן, פינסטערן לעבען זײַט מיר מוחל,
פאַר אײַער צעהן מאָל ביטערן, פינסטערן טויט.
אַז איהר װעט קומען מאָרגען אונטער מײַנע טהירען
און אָנקלאַפּען בײַ מיר, און מאָהנען לוין —
װעל איך אײַך עפענען, קומט זעהט — איך האָב נישט!
אַ גאָט׳ס רַחֲמָנות איז אויף אײַך — נאָר כ׳האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלײַך מיט אײַך פעראָרימט...
און װעה, און װאונד און װעה איז אַלע װעלטען!
און לאָזען אַלע הימלען ברומען פאַר רַחֲמָנות!
אַזעלכע קָרְבָּנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבען,
ניט װיסענדיג צו װאָס, פאַר װאָס, פאַר װעם?
אין װאָלקען אײַנגעהילט איהר קאָפּ װעט אײביג
מײַן אַלטע שְׁכִינָה װײנען שטיל פאַר בּוּשָׁה,
און נאַכט אויף נאַכט װעל איך אַראָב פון הימעל
בעװײנען זיך אויף אײַער קֶבֶר...
די שאַנד איז זעהר גרויס, און זעהר גרויס איז דער װעהטאָג —
און װאָס איז גרעסער? — זאָג שוין דו, בֶּן־אָדָם!
ניין, בעסער שװײַג און זײַ אַ שטומער עדות,
אַז דו האָסט מיך אין אָרימקײַט געפונען
און צוגעזעהן מײַן עלענד און מײַן טרויער.
און געהענדיג צוריק — נעהם־מיט, בֶּן־אָדָם,
אַ טײל פון צַער מײַנעם, פון שטילען װעהטאָג,
און מיש איהם אוים מיט צאָרן־גיפט און װאָרף איהם
אין שוים פון די נאָך־לעבעדיגע מֵתִים...

ח. נ. ביאליק.

אויף קדוש השם.

(א בילד פון פארצייטען).

(דאָס קומט פאָר אין שפאַניען, — אַ פינסטערניש, עס ברענט אַ פייער׳ל, אַרום פייער ליעגט דער כאָר, פון דער פינסטערניש הערט זיך אַ שטיל געזאַנג, — דער כאָר האַלט איהם אונטער שטיל).

כ׳ליג דאָ אין פייער,
ס׳ברענט אַרום מיר;
פאָטער געטרייער,
כ׳שטאַרב דאָ פאַר דיר.
פינסטער די שטערען
אין דיין געצעלט,

ס'גיסען זיך טרעהרען
דורך אויף דער וועלט.

כאָר: ד'וועלט וויל אַ קָרְבָּן,
וויינט אַלע מיט.
ר'גוף איז געשטאָרבען,
ד'זעל אָבער ניט...

ד'הענט, אוי, אין 'קייטען
הויב איך קוים אויף;
ד'אויגען זיי בעטען
גיכער דעם סוף.
לייגט אונטער פייער,
גיסט פעסער אייל.
נאַכט, ביזט מיר טייער...
שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!

כאָר: גאָט ער איז איינער,
זאָגט אַלע מיט;
ס'ברענען די ביינער,
ד'זעל אָבער ניט...

וועה וועם דאָס לעבען,
קיין מאָל געלייכט,
ווען וואָלקענס שוועבען,
יאָגען די נאַכט...
ווייסט דאָך דער מינדסטער
דאָס, וואָס איך זאָג:

תָּמיד ווערט פּינסטער
אײדער ס׳ווערט טאָג...

כאָר: ד׳וועלט וויל אַ קָרבָּן,
ווײַנט אַלע מיט;
ר׳גוף איז געשטאָרבן,
ד׳זעל אָבער ניט...

ס׳גערט אויס דאָס פֿײַער,
שטיל שלאָגט דאָס האַרץ.
פֿאָטער געטרײַער,
כ׳פֿיהל ניט קײן שמאַרץ.
דו האָסט געגעבן,
דו נעהמסט צוריק,
שווער איז דאָס לעבן,
שטאַרבן — מײַן גליק.

כאָר: ד׳וועלט וויל אַ קָרבָּן,
ווײַנט אַלע מיט.
ר׳גוף איז געשטאָרבן,
ד׳זעל אָבער ניט.

ס׳שײַנט דאָרט אַ מוֹרָא;
שרעק ניט מײַן זעל!
גיט מיר די תּוֹרָה—
שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!
נשָׁהענטער, ברידער,
נאָהינט איז גאָט,

הימעל, זינגט ליעדער,
ענטפערט: אֶחָד!

כאָר: גאָט, דו ביזט אײַנער,
זינגט אַלע מיט;
ס'ברענגען די בײַנער
ד'זעל אָבער ניט.

מ. מ. ווארשאווסקי.

דאָס ערגסטע פון דער תּוֹכָחָה.

ניט שקלאַפעריי, ניט שמאַכטען אין אַ ווייטען לאַנד
מיט קייטען אויף די פיס, מיט פענטעס אויף דער האַנד,
ניט שרעקען זיך פאַר יעדען שוואַכען ווינד וואָס וועהט,
ניט ציטערען פאַר נאַכט, ווען העלער טאָג פערגעהט,
און קוים קומט־אָן דער טאָג, שוין וואַרטען אויף זיין סוף —
ניט דאָס, פערשאָלטען פאָלק, וועט זיין דיין ערגסטע שטראָף...

נאָר דו וועסט זעהן אַמאָל דיין אייגען פלייש און בלוט,
די פרוכט פון דיינע לענדען, וואָס אויף איהם גערוהט
האָט אַפט דיין אויג מיט שטום־פערצווייפעלטען געבעט,
ווען דיך אין שטויב געוועלצט האָט יעדער פוס, וואָס טרעט,
ווען שקלאַפען־טרעהרען האָבען דיין געזיכט געווייקט,

און שקלאַפֿען־שוואַכקײַט האָבען דײַן קאָפּ צו דר'ערד געבײגט, —
װעסט אִיהם זעהן, אִיהם דײַן אײגען קִינד, דײַן גואל־דַם,
דעם לאַנג־ערוואַרטעטען בעפרײַער פון דײַן שטאַם,
זִיך אויפהויבען מִיט אָדלער־מוטה, מִיט לײבען־מאַכט,
און זײַן דער ערשטער אִין דער ערשטער רײה פון שלאַכט,
און געבען פרײַ זײַן בלוט, און בלוטען פול מִיט פרײד,
דאָך נִיט פאַר דִיר, נאָר דאָרט, אַוואו דײַן שׂונא שטעהט...
און הויבען װעט ער אִין דער הויך אַ פאָהן, דִיר פרעמד,
און דו װעסט צוזעהן פון דײַן שקלאַפען־שטײַג פערשעמט,
און שִילטען דאַמאָלסט װעסטו אִיהם — דײַן אײנצִיג טרײסט,
דײַן לעצטע האָפנונג צו װערען אויסגעלײזט:
„אָ, שלאַנגען־קִינד, פערעטהער פון דײַן שטאַם און נעסט!
„דִי תּוכָחָה פון גאָט, װאָס האָט אַרײַנגעפרעסט
„אִיהר גאַנצען גִיפט אִין מִיר, און לײַב און זעל פערגאַלט,
„זאָל פאַלען אִיבער דִיר מִיט דאָפעלטער געוואַלט...
„זאָל דרִיקען, װי אַ באַרג פון שאַרבענס אויף דײַן ברוסט...
„און הײנגען זִיך אָן אַלסדִינג, װאָס דו טראַכסט און טהוסט...
„און יענע, װאָס דו האָסט געקעמפפט אִין זײער רײה,
„אַװעקיאָגען דִיך זאָלען מִיט אַ האַס־געשרײ...
„אִין ד'ערד, דִי פרעמדע, װאָס דײַן בלוט האָט פעט געמאַכט,
„דִיך שטויסען זאָל צורִיק — אַוואו עס שמאַכט
„דײַן אײגען פאָלק, און װעלקט אָהן קאַמפף און אָהן געפעכט,
„געדרִיקט פון אונטערדרִיקטעסטען — אַ קנעכט בײַ קנעכט"...

יהואש.



די חֲנוּכָּה־לִיכט.

א, איהר קליינע ליכטעלעך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלעך,
מַעֲשֶׂה׳לעך אָהן צאָהל;
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט,
בְּרִיָה׳שאַפט און מוטיגקייט,
וואונדער פון אַ מאָל.

ווען איך זעה אייך שמינקלענדיג,
קומט אַ חָלום פינקלענדיג;
רעדט איין אַלטער טרוים:
„יוד, דו האָסט געקריגט אַמאָל,
יוד, דו האָסט געזיעגט אַמאָל".
גאָט, דאָס גלויבט זיך קוים!...
„ס׳איז ביי דיר אַ טאָלק געווען,
ביסט אַמאָל אַ פאָלק געווען,
האָסט אַמאָל רעגירט:
האָסט אַמאָל אַ לאַנד געהאַט,

האָסט אַמאָל אַ האַנד געהאַט!"
אַך, ווי טיף דאָס ריהרט!
אָ, איהר קליינע ליכטעלעך!
אײַערע געשיכטעלעך
וועקען־אויף מײַן פּײַן;
טיף אין האַרץ בעוועגט עס זיך,
און מיט טרעהרען פּרעגט עס זיך,
וואָס וועט ווײַטער זײַן?...

מאריס ראזענפעלד.

אָלִימְפּוּס און חוֹרֵב.

איך בין פון דעם לעבען אַנטרונען...
אַ בלוטיגער מַבּול די וועלט האָט פערטרונקען,
און לעבענס מיליאָנענווייז זענען פערזונקען;
דערגרייכט האָט דעם שוואַרצען פערוואָלקענטען הימעל
פון גוֹסס׳ע מאַסען דער ווילדער געטימעל...
דאָך מיר האָט פון זיסע דִמְיוֹנוֹת מײַן מֹחַ
אַ תֵּבָה געבויט, ווי פאַרצײַטען האָט נֹחַ,
און האָט מיך אַריבערגעטראָגען די וועלען
צום דופטיגען באַרג, צום אָלִימפּוּס דעם העלען,
וואו איך האָב נאָר פריידען געפונען...

די לעבענס, וואָס געהען דאָרט אונטען פערלאָרען,
דאָס גוֹסס׳ען... מיר זענען אַרויס פון זִכָּרוֹן...
די לאַבענדע געטער אין מענשען-געשטאַלט —
מיר האָבען תַּעֲנוּגִים געוואונקען,
און לוסטיגע נימפען מיט זיסער געוואַלט
מיך האָבען געגרייצט און בעטרונקען...

אָלִימפּוּס איז שען,
די לופט איז דאָרט ריין,
עס לעבט זיך גאָר לוסטיג אויף איהם.
דאָך פּלוצלינג מיך וועקט

אָהן רַחֲמָנות און שרעקט
אַנ׳אַלטעֶ פערגעסענעֶ שטים...
אַ באַרג איז אַ צוויַיטער פאַרהאַנען —
עס לאַכען קיַין נימפען דאָרט ניט;
די בלומען, וואָס וואַקסען דאָרט, וויאַנען
נאָך אייַדער זיי האָבען געבליהט...
די גראָזען דאָרט שמעקען מיט טויטען-געֶרוך,
עס בלאָזען די ווינדען דאָרט תָּמיד אַ פלוך...
דעם באַרג רופט מען חורב און אָפטמאָל זיך הערט
אַ קול דאָרט, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד:
אַז וועה צו די לעבענס, וואָס ווערען צוריבען
און ווערען אין תהום פון דעם שיקזאַל פערטראָגען
און האָבען צומאָל ניט ווער ס׳זאָל זיי בעקלאָגען!...

דו האָסט דייַנעֶ לאָקען מיט לאָרבער בעקראַנצט,
פערגעסען די ליַידענדעֶ ברידער,
פאַר דיר האָט די וועלט און דאָס לעבען געטאַנצט...
געפלאָכטען האָסטו נאָר די ליעדער,
אַזוי ווי אַ זאָרגלאָזעס קינד
קלייַבט בלומען אין פעֶלד און פערבינדט...
און האָט ניט קיַין אַנדערען ציעל
אין זינגען, ווי לוסטיגען שפיעל...
דאָך האָבען דאָרט וויַיט דייַנעֶ ברידער געשמאַכט
און טרעהרען פערגאָסען ווען דו האָסט געלאַכט,
און איטליכעס טרייַסט-וואָרט, וואָס דו וואָלסט געזונגען —
זיי וואָלטען איהם דאַנקבאַר און דורשטיג פערשלונגען...
עס האָבען די טויטעֶ געוואַרט

דו זאָלסט זײַ אַ הֶספּד חאָטש זינגען;
עס האָבען די קראַנקע געהאַרט,
דו זאָלסט זײַ ערלײַכטערונג ברענגען;
עס האָבען די קעמפּפער געגאַרט
זאָלסט זאָגען: דער שטרײַט וועט געלינגען...

און אַלעמען האָסטו גענאַרט...

און מײַנסטו, דיר װעלען בעקומען
די געטער און נימפען און בלומען? —
ס׳וועט לאַנגזאַם, אַזוי ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג
דער שמערץ פון דײַן פאָלק זיך פערשפּרײַטען
דורך איטליכעם ליעד דײַנם; דײַן יעדען געזאַנג
אַ טרויער־מוזיק וועט בעגלײַטען....
און דער, וואָס וועט לעזען, וועט זאָגען
און טײַטלען אויף דיר מיט די פינגער:
דער אָרימער יודישער זינגער,
עס ווילט זיך איהם לאַכען, דאָך קלאָגען
ניט־ווילענדיג מוז ער; דער צאָרניגער גײַסט
פון לײַדענדען פאָלק האָט נְקָמָה
גענומען פון דיכטער׳ס נְשָׁמָה
און אײביג פאַר איהם זיך אין חָלום בעווײַזט...

יהואש.

פון יְחֶזְקֵאל.

(קאפּיטעל ל״ג).

עֶס שלײכט צו אַ שטאָדט בײַנאַכט
די שווערד!
נור אויפ׳ן טורם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּײַט
און שמעטערט מיט מאַכט!
עס ציטערט די נאַכט,
דאָס פאָלק ערוואַכט — —
דער שונא געהט, דער שונא געהט
און ס׳פלאַקערט־אויף די שלאַכט!

אין הויף, אין גאַס,
אויף מויער און וואַנד —
פאַר ווײַב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד,

פאַר רעכט און פרײַ געהט אַלץ אין קאָן.
ווער זיגען וועט, דאָס ווײסט איין גאָט;
דער וועכטער
האָט זײַנס געטאָן!
ער האָט זײַן עהרע ניט בעפלעקט,

ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זײַן פֿאָלק, זײַן לאַנד!

נאָר וועה דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט בײַנאַכט
אײַן אויג פֿערמאַכט
און ערוואַכט
ערשט אין דעם בראַנד!

י. ל. פּרץ.

פאַר מָשִׁיחַ'ן.

I.

בײַ דעם יַרְדֵן שטעהט אַ קוזניע;
און דער קאָװאַל אין דער קוזניע
שטעהט בײַ דער מְלָאכָה.
מיט דעם בלאָזזאַק בלאָזט ער דאָרט,
פּאָך־פּאָך! פּאָך־פּאָך! בלאָזט ער דאָרט
און מיט גליק און בְּרָכָה.
רױט אױף די קאָװאַדלע גליהען
טהוט דאָס אײַזען; טהוט זיך ציהען
קאָכען הײַס און זידען,

און דער האַמער קלאַפּט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טהוט עס שמיעדען.

קלאַפּ־זשע, קאָוואַל! לאָזען שפּריצען,
לאָזען טויזענד פונקען בליצען,
פליהען ווי מַלְאָכִים —:
פון דעם האַמער צוקט אַ בליק,
פלים־פלאַם! פלים־פלאַם! צוקט אַ בליק
און עס דונערט נאָך איהם.

וואָס־זשע, קאָוואַל, שמיעדסט דו דאָרטען?
— „כ'שמיעד פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מַטְרִיחַ:
די פּאָדקאָווע מאַך איך פאַר'ן —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר'ן
פערדיל פון מָשִׁיחַ!"

II.

בײַ דעם יַרְדֵן שטעהט אַ וועבשטוהל;
און דער וועבער אויף דעם וועבשטוהל
שטעהט בײַ דער מְלָאכָה,
בוימט די קעטע אויף דעם בוים,
וויק־וויק! וויק־וויק! אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און בְּרָכָה.

פון דעם וועבער־לאָדען פעדעם
שלעפּט ער איצט צונויף, און יעדעם
ציהט ער דורך די קאַמען;

טרעט איצט פליַיסיג אויף דער שאַפּט,
טריפּ־טראַפּ! טריפּ־טראַפּ! אויף דער שאַפּט,
שיסט דער שום צוזאַמען.

קוים צו זעהן מיט די אויגען
לויפט די שיף; אַ פיַיל פון בויגען
לויפט דאָס וועבער־שיפעל;
פלינק אַהין און פלינק אַהער,
ציק־צאַק! ציק־צאַק! פלינק אַהער,
און מען זעהט ניט ווי פיעל.

וואָס־זשע וועבער, וועבסט די דאָרטען?
— „וועב פון מיַינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מַטְרִיחַ,
און דאָס מַלְבּוּשׁ מאַך איך פאַר'ן —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר'ן
היַילִיגען מָשִׁיחַ!"

III.

ביַי דעם יַרְדֵן זיצט אַ שטיקער
פאַר דער שטיקעריַי; דער שטיקער
טהוט איצט זיַין מְלָאכָה.
אויף דער קאַנווע שטיקט ער איצט,
פּיק־פּיק! פּיק־פּיק! שטיקט ער איצט,
און מיט גליק און בְּרָכָה.

צעהלט די שטיק און צעהלט די אויגען,
אויף דער ראַמקע אויפגעצויגען
זעַנען זיַידען־שפּיצען;

זײַד און גאָלד און זילבערוואַרג,
צאַ־צאַ! צאַ־צאַ! זילבערוואַרג,
און מען זעהט עס בליצען.

קלעפּעל־שטיק און אַפּליקאַציע,
קעטעל־שטיק און מיט פּונקטאַציע,
גאַנץ און אויך געבראָכען, —
אַלעס, אַלעס מאַכט ער דאָרט,
שטיך־שטאָך! שטיך־שטאָך! מאַכט ער דאָרט
קליין און פיין געשטאָכען.

וואָס־זשע, שטיקער, שטיקסט דו דאָרטען?
— „כ'שטיק פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מַטְרִיחַ,
און די פאָהן, די מאַך איך פאַר'ן —
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פאַר'ן
מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ!"

IV.

אין דעם הימעל זעקס מַלְאָכִים
רוישען פלינק; און די מַלְאָכִים
טהוען זייער מְלָאכָה.
פאַר גאָט'ס שטוהל דאָ שטעהען זיי —
הוראַ! הוראַ! — שטעהען זיי,
בעטען גליק און בְּרָכָה.

אַלעס בעסטע, אַלעס שענסטע,
אַלעס פיינסטע, אַלעס ריינסטע,
עדעלסטע און נייע, —

אַלעם דאָס, דאָס נעהמען זיי, —
הורא! הורא! — נעהמען זיי,
און אויך אַלעם פרייע.

אַלעם מיטלייד מיט דעם קראַנקען,
שוואַכען מענש און אויך אַ בלאַנקען
שטאַרקען גייסט, אַ פרישען, —
אַלעם דאָס, דאָס נעהמען זיי, —
הורא! הורא — נעהמען זיי
און זיי טהוען עם מישען.

וואָס, מַלְאָכִים, מאַכט איהר דאָרטען?
— „מאַכען פון די בעסטע סאָרטען,
זענען זיך מַטְרִיחַ;
די נְשָׁמָה מאַכען מיר —
הורא! הורא! — מאַכען מיר
פאַר דעם הער מָשִׁיחַ!

דאָך, אַך, וועה אונז, וועה אונז אַלע!
פאַרטיג האָבען שוין, אַך, אַלע
אַנדערע די מְלָאכָה;
מיר אַליין נור זעהען ניִשט,
וועה אונז! וועה אונז! זעהען ניִשט
נאָך קיין סִימָן בְּרָכָה!

ניִשט גענוג איז מִן הַסְתָּמָא
פאַר אַ װעלכענע נְשָׁמָה
אַלע אונזערע שטאָפען;
האָבען אֶפְשַׁר אַלץ מיט זיי,

וועה אונז! אַלץ מיִט זיי
נאָך ניִשט גוט געטראָפען.

ניִשט גענוג איִז נאָך דאָס רייִנע,
ניִשט גענוג מִסְתָּם דאָס שענע,
ניִשט דער שטאָף דער עכטער;
אֶפְשַׁר איִז גאָר אויך דער קרעכץ,
וועה אונז! וועה אונז! אויך דער קרעכץ
גאָר נאָך ניִשט דער רעכטער!"

און עס וויינען די מַלְאָכִים;
און אַ קרעכץ, אַ צווייטען נאָך איִהם
הער, אַ ביִטערליִכען —
פאַרטיִג ביִז הייִנט איִז ניִשט די —
וועה אונז! וועה אונז! — איִז ניִשט די
נְשָׁמָה פון מָשִׁיחַ'ן!

ד. פרישמאַן.

הַנֵרוֹת הַלָלוּ.

(חנוכה־ליִעד).

אַכט פֿײַערלעך — אַכט כְּשֵׁר׳ע
נְשָׁמָה׳לעך ... ווי שוועבען,
ווי פֿלאַטערען, ווי שווימען
פֿון בלויען גאָט׳ס געצעלט ...
זינג, קינד מײַנס, זינג „הַנֵרוֹת
הַלָלוּ״, ליכט און לעבען
פֿערגיסען ווי אין אונזער
פֿער׳יָתוֹמ׳ט־וויסטע וועלט ...

דו הערסט ? די שוֹפָרוֹת רופֿען,
דו זעהסט ? די פֿאָהנען ציהען.
די אָרגעל־טענער שאַלען.
עס זינגט דער טעמפּעל־כאָר ...
וואַך־אויף, אַ מַתִּתְיָהוּ !
שטעהט־אויף, גִבּוֹרֵי־צִיוֹן !
הייבט־אויף די פֿאָהן די אַלטע
אויף אונזער יונגען דוֹר.

שטעהט־אויף פֿון קֶבֶר, ייִדען,
געהט אונז אַרויס אַנטקעגען,
גיט, גיט אונז אַ נְדָבָה
פֿון אײַער העלדען־מאַכט —

אַ רײנעם בױמאײל־טראָפּען
פֿאַר גאָט׳ס מְנוֹרָה װעגען,
אַנ׳אײנציג, ליכטיג פֿײַערל
אין אונזער גָלות־נאַכט!

ש. פרוג.

צום פאָלק.

מײַן פאָלק, וואָס נאָך קאָנסט דו פון מיר פערלאַנגען?
וואָס האָב איך נאָך, וואָס איך זאָל דיר ניט געבען?
איך שענק דיר מײַנע הערצליכסטע געזאַנגען,
מײַן קראַפט און מײַן נשמה און מײַן לעבען.
וואָס אין מײַן אויג איז אָפט אַרומגעשוואומען,
וואָס אין מײַן האַרץ האָט אָפט געברענט, ווי גלוטען,
דאָס האָב איך אין בעגײַסטערטע מינוטען
צונויפגעוועבט אין לעבעדיגע בלומען,
מײַן פאָלק, דײַן קאָפ דיר צו בעקראַנצען,
דײַן מידען קאָפ, וואָס קאָן קײַן רוה געפינען,
און אײַן געדאַנק נאָר האָט בעהערשט מײַן זינען:
פאַר דיר צו זײַן, פאַר דיר אַלײַן אין גאַנצען.
וואָס קאָן איך נאָך? וואו האָב איך מעהר קרבנות,
אויב ליעבע איז דיר קאַרג און קנאַפ רחמנות?

מ. ראזענפעלד.

* * *

גלוסט זיך מיר ווײנען געשמאַקער פון האַרצען,
ציהט מיך, ווי חמאַרעס צום ים, צו דעם שוואַרצען,
טיפער צו אײך, מײנע עלענדע ברידער.
כ׳ווײס אויך אַ טרעהר פון מײן אײגענער מאַמען
בוירט דעם תהום דאָרט אין אײערע ים׳ען
און בײנקט אפשר שטילערהײט נאָך מײנע לידער.

כ׳ווײס, איהר האָט טרעהרען נאָך ניט אויסגעווײנטע,
צרות דערצעהלטע און נאָך מעהר געמײנטע,
וואָס ווי פערשטיקטע, פערבאָרגענע קוואַלען,
לעכערען שטײנער און רײסען־אײן קברים,
שלענגלען זיך, בלאָנזען אין דר׳ערד, ווי אַ וואָרים —
און ווערען אין דר׳ערד דאָרט פערפאַלען.

דורכשלאָגען זאָלען זיך אײערע טרעהרען,
גרינגער זאָל ווערען און פרײער זאָל ווערען —
אפשר, ווער ווײס, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבען:
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צײטען,
אויך אונז וועט אפשר געראָטען, ווי לײטען
בעסערם און שענערם דערלעבען.

און פאַר אַ זכר פון הײַנטיגע המאַרעס
וועט אײַך פערבלײַבען אַ נײַער „על־נהרות“,
וואָס ער וועט הימעל און ערד איבערקעהרען.
גליקליך איז דער און געבענשט זאָל דער ווערען,
וואָס וועט פעראײביגען אײַערע טרעהרען,
הײליגע, צוויטויזענד־יאָהריגע טרעהרען.

ח. נ. ביאליק.



* * *

איך קוק אויף ירושלים בײַ מערב־וואַנד,
איך זע דאָרט מײַנע קינדער ווי קויל שוואַרץ,
מען שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער דאַרער האַנד,
מען אָכצט, מען קרעכצט, עס קלעמט דאָס האַרץ.
ניטאָ אין ירושלים קײן בוים, קײן שטײן,
וואָס זאָל ניט זײַן נאַס פון מײַנע קינדער׳ס געװײן.

פאלקסליעד.

פון ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי׳ס יַם־לִיעדֶער.

I.

כ׳האָב פֶערגעסען אַלע לִיעבסטע,
כ׳האָב פֶערלאָזט מײַן אײגען הויז;
כ׳האָב דעם יַם זִיך אָבגעגעבען:
טראָג מִיך, יַם, צוּם מוּטערס שויס!...

און דו, מַעֲרָב־ווינד געטרײַער,
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מײַן הארץ מיט אָדלער־פליגעל
זוכט שוין לאַנג צו איהם אַ וועג.

ברײַנג מיך נור אהין בְּשָׁלוֹם, —
נאָכדעם פליה זיך דיר צוריק,
גריסען זאָלסטו אַלע ליעבסטע
און דערצעהל זיי פון מײַן גליק...

II.

brary of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

אָנגעבּרוגז'ט האָט דער יַם זיך
און געקנײַטשט זיך און געקרומט —
פּלוצים האָט ער זיך צובײַוערט
און ער וויעגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנקעגען
ווילד און בייז מיט ווײַסען שוים,
חוואַליעס־לײַבען, חוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם תְּהוֹם.

אָט האָט זיך אַ טהאָל געעפענט,
אָט שטעהט־אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגעל! בויג זיך, מאַסטבּוים! —
דו מײַן הארץ, בלײַבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
יַמים שפּאַלט ער מיט זײַן האַנד;
אויף זײַן פליגעל מיט זײַן שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליעבען לאַנד...

III.

מיט דער לְבָנָה־שײַן פֿערזילבערט
װײַט רינצעלט זיך דער װאַסער־שפּיגעל;
פֿערשפּרײט האָט זיך אױף אונז די נאַכט
מיט איהר בלױ־סאַמעטענעם פֿליגעל.

ס'איז ניט קײן נאַכט — סאיז אַ מַלְכַּת־שְׁבָא!
געהילט אין בלױ'ס, מיט גאָלד בעפֿליטערט,
שטיל אָטהעמט זי, און אױף איהר ברוסט
שעמירירט דאָס גאָלד, שעמירירט און ציטערט...

װי שאָף צושפּרײט, די קלײנע חװאַליעס
שטיל װיעגען זיך אין לײַכטען דרימעל.
סע ציטערען אין יַם די שטערען —
װער איז דאָ יַם און װער איז הימעל?...

צװײ יַם'ען שלאָפען דאָ צוזאַמען,
צונױפגעלעגט װי גלײַכע ברידער;
אײן דריטער יַם אין מיטען שלאָפט ניט:
מײַן האַרץ מיט זײַנע נײַע ליעדער.

ה. נ. ביאליק.

* * *

אין מיטען וועג שטעהט אַ בוים
און האָט זיך איינגעבויגען;
פאָהרט איין יוד קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל
מיט פערוויינטע אויגען.
גאָט מיין גאָט, גאָט מיין גאָט!
לאָמיר דאַווענען מִנְחָה, —
בְּשְׁעַת מיר וועלען פאָהרען קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל
וועט זיין אַ גרויסע שִׂמְחָה!

פאלקסליעד.

ציון־ליעדער.

(פּראָלאָג).

ציהאָן זיבען פּעדעם פון הימלישען שײַן,
ציהאָן זיבען ליכטיגע שטראַהלען,
זיי זאָלען, ווי גאָלדענע סטרונעס מיר זײַן
און לײַכטען און זינגען און שאַלען!...
מאַי־גלעקלעך קלינגען אין פעלד און אין טהאָל,
די טײַבעלעך וואָרקען און פליהען
צו הערען דעם זיסען און טײַערען קול,
די הײליגע ליעדער פון ציון.
עס ציהען זיך ליעבליך די רויז און דער זאַנג
אין פעלד און אין גאָרטען צו הערען
די ליעדער, אין וועלכע עס זענען פון לאַנג
צונויפגעמישט פּערעל און טרעהרען...
די ליעדער, וואָס שלאָגען־אַרויס ווי אַ קוואַל
פון האַרצען און זידען און בריהען,
די ליעדער מיט האָניג, די ליעדער מיט גאַל,
די ליעדער, די ליעדער פון ציון...

ש. פרוג.

* * *

כ'וואָלט געוואָלט זעהן ווי פערטשאַדעט פון רויך,
ווען דער נעבעל איז טיעף אָהן אַ סוף
דרימעלט דער אַלטער לְבָנוֹן אין דער הויך
און רעדט עפּעס צו זיך פון דעם שלאָף!...
וואָס חָלוּמ'ט זיך דעם זיידען? וואָס טראַכט ער? וואָס קלערט?
צי דאַווענט ער דענסטמאָל? — צי ניין? —
צי ווידערהאָלט ער דעם תְּהִלִים, וואָס ער האָט געהערט
פון זיין דָוִד'ן זינגען אַליין? —
צי קלאָגט ער, וואָס זיינע נעסטען זענען לער
און די פויגעלעך זענען פערטריבען?...
דערפאַר קרעכצט ער פונ'ם שלאָף אַזוי שווער,
וואָס ער איז אַזוי עלענד געבליבען?...

אברהם גאלדפארען.

מײַן האַרץ איז אין מִזְרָח...

(נאָך יהודה הלוי).

מײַן האַרץ איז אין מִזְרָח, און איך בין אין מַעֲרָב,
וויִ קאָן איך אַ גליקליכער זײַן?
וויִ קאָן איך פערגעסען מײַן טרויער און אונגליק
און לעבען פול נַחַת און שײַן?...

אין ווײַטע, אין שטראַהלענדע, וואוּנדערליכע לענדער
בין איך וויִ אָהן וואָרצלען אַ בוים,
מיר חָלוֹמ׳ט זיך ציוֹן, עס בענקט מײַן נְשָׁמָה,
עס ציהט מיך אָהן אויפהער אַהײם...

עס גיעסען זיך ליעדער פון גליק און פון לעבען —
איך הער נאָר אַ ביטער געוויין,
וויִ קאָן איך זײַן רוהיג?... מײַן האַרץ איז אין מִזְרָח
און איך בין אַליין...

ל. יפה.

ציון.

ווי וואָלקען אין שטורם־ווינד, לויפען און פליהען
אָהן אָנפאַנג, אָהן אויפהער די שטונדען און טעג;
די אַלטע אַלְמָנָה, — די טאָכטער פון צִיוֹן,
זיצט טרויעריג, איינזאַם ביי׳ם וועג...

פיעל רייזענדער פאָהרען פאַרביי איהר און געהען,
זי ווענדט זיך צו זיי מיט אַ ביטער געוויין:
אַך, זאָגט מיר, צי האָט איהר מיין קינד ניט געזעהען,
מיין עלענדען יָתוֹם?... „— ניין, אַלטיטשקע, ניין!“...

זיי געהען און רייטען
פון אַלע פיער זייטען
צום אַלטען מִזְבֵּחַ אין היילִיגען לאַנד...
די טאָכטער פון צִיוֹן
טהוט ווייגען און קניהען
אין שטויב צו פערבאָרגען איהר וועהטאָג און שאַנד...

עס געהען און געהען אַ טאָג נאָך אַ טאָג;
עס פליהען די וואָלקען, עס יאָמערט דער ווינד
און טרויעריג גיסט זיך אַ ביטערער קלאָג:
„וואו ביסטו, וואו ביסטו, מיין קינד?!“

ש. פרוג.

טרייסט.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט,
זייט נישט דער ווינד, וואָס לעשט די פלאַם,
נור בלאָזט זי אויף, די נאַכט איז סם!
נור בוימעל גיעסט און פוצט די קנויט,
וויל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט, —
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיעגט שוין נישט איין שלאַכט.
און נישט געלאָזט די פאָהן פון האַנד!
עס שטעהט — איין אייזען־פעסטע וואַנד!
אין וויסטען, ווילד פערקאָכטען ים!
שטאַרקט דאָס פאָלק, בלאָזט־אויף די פלאַם!

י. ל. פרץ.

שִׁיבַת צִיוֹן.

שאי סביב עיניך וראי:
כלם נקבצו באו־לך.
ישעי׳ מ״ט, י״ח.

וואָס זעה איך דורך די שויבען; —
עס פליהען אָן, ווי טויבען, —
מיין יוסף, מיין בִּנְיָמִין קלאַפּען אין מיין טהיר.
אַך, הימעל, גאָט, די וואונדער!
איך זעה דאָך מיינע קינדער,
די ליעבסטע און די טרייסטע קומען אָן צו מיר.
אַוועק אַזוי פיעל יאָהרען,
געמיינט, איך בין פערלאָרען,
אַנ׳אַלְמָנָה אַ פערוויסטע, ליידיג ביי מיין טיש...
מיט אייך ווי איז געגאַנגען,
צייט מען האָט אייך געפאַנגען?
וואָס מאַכט יְהוּדָה און אֶפְרַיִם? גיט מיר אַ געריס!

אַהער קומט יענע יאָהרען!
איך בין יונג געוואָרען,
איך וואַרף אַראָב מיין טרויער, אַהער מיין זיידען קלייד!
פול ווערט מיין הייזעל ווידער,
עס הויבט דאָס האַרץ, די גליעדער,
פיעל פון מיינע קינדער פאָהרען־אָן מיט פרייד.

פון שׂמחה טרערען פליסען
לאָזט מיך האַלזען, קיסען,
רוהט אייך אויס די ביינער, מיינע האַרצענס־געסט!
איהר וועט ביי מיר קריגען
אַלע פערגעניגען,
איהר וועט ניט וויסען פרעמדע טישען, נאָר דער
מוטערס קעסט ...

אליקום צונזער.

* * *

געוואנדערט האט יאהרען מיין זעלע
דורכמאסטען די וועלט אין איהר גאנג,
אהן פרייד געזעהן פריידפולע לענדער —
א זעלע, געוועזען ביזטו קראנק!

און אומגעקעהרט האט זיך מיין זעלע
פון בליהענדע לענדער צוריק
צום לאנד, וואס איז ארים און היילינ,
ווי ארים און היילינ די וויעג.

שמואל יעקב אימבער.

אידיליע.

איך וויל, אז מיין ליעבע זאל ווערען געשלאסען
אין ערגעץ אנ׳ענגען, א יודישען געסעל,
וואו ס׳שטעהען די הייזלעך געדריקט, ווי א סטאדע
פון שעפסען, ווען ס׳שרעקען זיי וועלפישע ציינער.
א עדות זאל זיין די לבנה, און קיינער
חוץ איהר זאל ניט קאנען פערנעהמען די קושען,
וואס וועלען זיך טראגען וואס העכער און העכער
צום ליכטיגען הימעל, צום בלאהליכען אבגרונד,
וואוהין עס וועט קוקען מיט פערביינקטע בליקען
די, וועלכע כ׳וועל שענקען מיין ליעבע.

און ווען איך וועל גײן מיט מײַן ליעבסטע שפּאַצירען,
זאָל אונז ניט בעגלײַטען דער נאַכטיגאַלס טרעלען;
נור שטיל זאָל זיך טראָגען פון ערגעץ אַ ווײַטען,
אַ דונקעל־בעלויכטענעם נידריגען פענסטער
אַ שטילער פערטרוי'ערטער יודישער ניגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווײַטען פערוויגען,
אַ חלום פון זיסע און צערטליכע שמערצען,
אין טיעפע נאָך ניט קײן בעוואוסטע פערלאַנגען,
וואָס שוועבען ווי עכאָ'ס פון אײנזאַמע קלאַנגען
פון וועלכע עס וועבט זיך מײַן ליעבע...

און זײַן זאָל מײַן ליעבסטע אַ בלאַסע, פערקלערטע,
מיט אויגען פער'חלומ'טע, אָפענע, צאַרטע
און בלאָהע, אַזוי ווי דער הימעל·אין פריהלינג,
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיג שלײַער פון טוליען;
מיט שוואַרצע צעוואָרפענע זײַדענע לאָקען,
וואָס זאָלען בעזוימען איהר פּנים, דעם בלאַסען,
וואָס רעדט ניט פון טויט און פון בלומען, וואָס וועלקען,
נור עפּעס פון שטילע בעהאַלטענע קרעפטען,
וואָס רײַסען, בעהאַלטענערהײַד, זיך צום לעבען,
און פעריל פון רײנע קריסטאַלענע טרעהרען,
וואָס פאַלען און פאַלען פון ליעבע...

און זײַן, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע פינסטערע אָרימע הײַזלעך,
וואו ס'לעבט און עס לײַדעט די זעל פון מײַן אומה,
וואו ס'רײַדען פון שמערצען נור בליקען נור שטומע.
און האָבען זאָל זי אויך אַן'אַלטינקע מאַמע

מיִט אויגען, וואָס קושען און ווייַנען צוזאַמען,
מיִט בייַניִגע הענד, וועלכע האַלטען און גלעטען,
מיִט טרוקענע ליִפּען, וואָס שעפּצען נוּר בְּרָכוֹת.
און ליִעב זאָל זי האָבען איִהר אָריִמע מאַמע,
די, וועלכע וועט בענשען מייַן ליִעבע.

און שטיִל איִן אַ קלייַניִנקער קאַמער, איִן ערגעץ
אַ קלייַנעם געבויגענעם פֿיִנסטערען הייַזעל,
זאָל אונז דערנאָך בענשען אַ גרייַז־גראָהער ווייַדע,
וואָס וועט אונז דעם חָלוֹם פֿון פֿאָלק איִבערגעבען
צו טראָגען איִהם וויַיטער מיִט גלויבען איִן לעבען;
און מוּטהיִג, געאַרעמט זאָל איִך מיִט מייַן ליִעבסטע
אַוועקגעהן צום לייַדענדען פֿאָלק און איִהם שענקען
די אייַביִגע, הייַליִגע ליִעבע.

דוד איינהארן.

* * *

יאָ, שרײַב מיר, ווי זעהט־אויס דער אָרט, וואָס געטאַנצט
האָב איך דאָרט אין די יונגלישע יאָהרען;
צי בליהען נאָך די רויזען, וואָס איך האָב געפלאַנצט
אַליין אין דעם עֵמֶק הַשָׁרוֹן?...
שמעקט נאָך דער כַּרְמֶל פון בְּשָׂמִים אַלערליי?
דער אַלטער לְבָנוֹן — וואָס טהוט ער?
און די שפּעלעך מײַנע — אוי, בענק איך נאָך זיי!!
איך בין דאָך געווען זייער היטער! — —
צי קומסטו אָפּט אויף די קְבָרִים צוגעהן
פון די אָבות און העלדען פון פריה'ר?
און אויפ'ן באַרג־ציון יעדען אײַנציגען שטיין
גריס, מאַמעניו, פרײַנדליך פון מיר! —

אברהם גאלדפאדען.

משיח.

עס קלינגען די קייטען ביים טויער פון רוים —
דארט זיצט ער מיט אפענע וואונדען.
זיי וועהטאגען, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד
און ווערען ניט קיינמאל פערבונדען.

און טויזענדער יאהרען פערגעהען אזוי
און שטילע יסורים ביים טויער.
און טיעף אין איהם קלייבט זיך דער אייביגער וועה,
און ס'וואקסט אלץ דער אייביגער טרויער.

נאר תשעה באב, ווען עס קומט האלבע נאכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימעל,
דאן פאלען צוויי שטערען אראב, און ער ווערט
פערוויגט אין א הייליגען דרימעל.

דאן נידערט די שכינה אראב אויף זיין קאפ
און קושט איהם מיט ליעבע אין שטערן,
און טרייסט איהם און ווייזט איהם די גאולה אין טרוים
און וויינט מיט בעהאלטענע טרערען.

דוד איינהארן.

תּחית־המתים.

ער ליכט און שיינט דער אָווענד־שטערן
אין בלויען אייביגען געצעלט,
קיין איינציג וואָלקענדעל אין הימעל,
קיין שטילעס ווינדעלע אין פעלד.
אַלץ רוהט און דרימעלט שטיל און זיכער
און נור פאַר דיר, מיין קראַנקעס קינד,
נישטאָ קיין רוה, נישטאָ קיין פריעדען...
די נאַכט איז טויב, די נאַכט איז בלינד,
די שטערען פיהלען ניט דיין וועהטאָג,
זיי זענען העל, נאָר קאַלט ווי אייז...
די סאָוועס גלאָצען מיט די אויגען,
עס פליהען שוואַרצע פלעדער־מייז...
נאָר אויף דעם אַלטען בית־הקברות
איז וואַך אַ פויגעלע און זינגט, —
ווי פּערעל שיטען זיך די טרעלען,
דאָס ליעדעלע, ווי זילבער קלינגט,
זי זינגט: „אַ גרוס אייך, אַלטע קברים,
אַ ליעבען גרוס האָב איך געבראַכט...
ווי שרעקליך טיעף איז אייער חלום
און שרעקליך פינסטער אייער נאַכט!
נור פרעכטיג איז דער מאָרגענשטערן,

װאָס װעט, ערשײַנענד העל און רײַן, —
בעלױכטען אײַער שװאַרצען חלום,
דערװאַרמען אײַער קאַלטען שטײַן —
משיח גײט און ער װעט קומען,
דער גואל־צדק! אַ, איך האָף
ער װעט אײַך אױפװעקען צום לעבען
פון אײַער לאַנגען טױטען שלאָף! ...״
דו נאַריש פױגעלע! דײַן ליעדעל
איז מיר בעקאַנט אַ לאַנגע צײַט:
„משיח גײט און ער װעט קומען״ —
נאָר, אױ, װי װײַט איז ער, װי װײַט!
די מתים קאָנען רוהיג װאַרטען,
האַלב־טױטע זענען אָבער דאָ —
אַ גאַנצעס פאָלק פון הױט און בײנער ...
ניטאָ פאַר איהם קײן טרײסט, ניטאָ,
ביז װאַן — מיט קראַפט, מיט הײסען גלױבען
פון לאַנגען, טיפען שלאָף ערװאַכט
ער װעט אַלײן, אַלײן פעריאָגען
פון זיך די שװאַרצע, קאַלטע נאַכט ...
יאָ, פריהער זאָל דאָס אַלטע, קראַנקע,
האַלב־טױטע פאָלק דעם שװערען שטײן
פון זיך פערשטױסען און פון קבר,
פון קבר אױפשטעהען אַלײן —
מיט שטאַרקע הענד, מיט פרישע קרעפטען
און מיט געפיהלען און פערשטאַנד, —
װי גוט, װי זיס, װי שען עס זענען
אַנ׳אײגען הױז, אַנ׳אײגען לאַנד ...

אָט דעמאָלט וועט משיח קומען, —
מיט גרינע גראָז, מיט פרישע בלומען
בעדעקען אונזער טיפעם פעלד;
אָט דעמאָלט וועט דער מאָרגענשטערען
אונז אויפגעהן העל, און ליכטיג ווערען
וועט אונז אַרום די גאַנצע וועלט!

ש. פרוג.

בײַ דער אַרבײַט.

בײַם װאַרשטאַט, בײַם שײַן פֿון אַ חלבֿ'נעם ליכט,
אין שטױב פֿון אַ נידעריגער קאַמער,
אין יעדער פֿאַבריק, װאו די לופֿט איז געדיכט,
װאו ס'פֿאַלט װי אַ דונער דער האַמער;
װאו ס'רױשען די רעדער, װאו ס'גיסט זיך דער שװײס
בײַ קעסלען, װאָס קאָכען און זידען, —
דאָרט לעבט אַ געפֿיהל, װאָס איז הײליג און הײס,
דאָרט לעבט נאָך אַ הערץ פֿון אַ יודען...
בײַם װאַרשטאַט פֿון שנײַדער, אין קוזניע בײַם שמיד,
אין שײַן פֿון די פֿונקען, װאָס פֿליהען,
ערהײבט זיך אַ נײַעס, אַ ליכטיגעס ליעד,
אַ ליעד װעגען פֿאָלק, װעגען ציון.

אין קלאפ פון מאשין, אין גערויש פון פאבריק—
עס קלינגט דארט פון ליעבע און טרייהייט
צום אייגענעם פאלק, פון פערגעסענעם גליק
א ליעד פון דער יודישער פרייהייט;
עס גיסט זיך אלץ ווייטער און ווייטער דאס ליעד,
עס אטהעמט זיך פרייער און פרייער,
ס׳גלייכט אויס זיך דער קערפער, געבויגען און מיעד,
עס ברענט אין די אויגען א פייער, —
זיי לייכטען און קוקען, פער׳חלום׳טע, ווייט
צום לאנד, וואו דאס פאלק וועט ערוואכען
צו פרייהייט און גליק, צו א ליכטיגער צייט
פאר יעדען געדריקטען און שוואכען...

ל. יפה.

דער יודישער מאַי.

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט, —
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט.
ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעהמט דער פריהלינג מאָלען
מיט זיין פּינזעל; וואו ער שמירט
ווערען בערגער, ווערען טהאָלען,
ווערט די ערד מיט גרינס פערציערט;
ווידער לייכט די זון אַרונטער
צו דער וועלט און מאַכט זי מונטער;

מיט איהר שמייכעל, מיט איהר קום
מאַכט זי גרייט איהר צום געַנום.

גלייך פאַנגט־אָן צו גרינען, בליהען
יעדעם מענשליכע געפיהל;
וואונדערשענע פאַנטאַזיען
ציהען דורכ'ן הארצען שטיל;
גאָלדענע חלומות שוועבען,
און זיי וועבען
נייע הימלען,
און זיי וועקען
נייעם לעבען
און עם קלעקען
טויזענד גליקען
יעדע זעלע צו ערקוויקען.

דאָך איהר זעהט דאָרט איינעם טרעטען,
קוקענדיג צו דער ערד אַראָפּ,
אויף די גרינע מאַי־טאַפּעטען
זיפצט ער, שאָקלענדיג דעם קאָפּ.
איינזאַם מיט זיין שווערען קומער
געהט ער, אָבגעלעבט און מיעד, —
זיין געשמאַקער מאַי, זיין זומער
האָבען לאַנג שוין, לאַנג פערבליהט!

ווייסט איהר, קענט איהר יענעם קראַנקען,
וועלכער געהט, וואו אַלעם בליהט,

מיט אַ שרעקליכען געדאַנקען
און אַ שטירמישען געמיט?
אונזער אַלטער, אונזער יוד!
קיינע זיסע פאַנטאַזיען
און קיין האָפנונג אין זיין בליק!
דורך זיין הערצען
ציהען שמערצען,
אַלטע וואונדען
אויפגעבונדען
מיט ערזינערונגען אַלטע, —
מֵתים, מֵתים, טרופּעס קאַלטע,
אַלטע יוגענד, אַלטעס גליק.

יעדע בלום און יעדער דאָרען
טרייבט מיט איהם אַ ווילדען שפּאַס:
דער סטאַבון קוקט־אָן מיט צאָרען
און די קראָהע שרייט מיט כַעַס.
פרעמד די בלומען, פרעמד די בלעטער,
פרעמד די וועלט, אַ פרעמדער מאַי!
פרעמדע פייגעל, פרעמדע געטער,
פרעמדע מענשען, — אַלץ פערביי!...

לאַכט ניט, בלומען, נאָר ניט שפּעטען!
איהר זייט שען, — געווים, געווים!
דאָך פיעל שענערע צוטרעטען
האָט דער יוד מיט זיינע פים...
פעלדער פול מיט פּאָמעראַנצען

האָבען אין זײַן לאַנד געגלאַנצט,
זײַנע וואונדערשענע פלאַנצען
האָט זײַן גאָט אַלײן פערפלאַנצט...
פרעגט די צעדערען פון לְבָנוֹן,
פרעגט דער שָׁרוֹן'ס גרינע מירט!
אָ, זײ װעלען נאָך דערקאָנען
זײער אָבגעלעבטען װירט.
פרעגט דעם שענעם הַר־הַזֵיתִים,
פרעגט דעם כַּרְמֶל, — יעדען בוים —
פרעגט די אַלע שענע מֵתִים
אויף דעם שענעם אַלטען טרוים...
אין זײַן הײליגער מְדִינָה
האָט גַן־עֵדֶן־לופט געשמעקט,
און זײַן טעמפעל האָט די שְׁכִינָה
שטענדיג זיך צו איהם ענטפלעקט.
טויזענד ענגעל פלעגען שפּיעלען
אין זײַן הײליגען געצעלט,
טויזענד פרײדען פלעגט ער פיהלען,
פרײדען פון אַנ'אַנדער װעלט.

דאָרטען האָט אַמאָל דער יודעל
פון אַ װאונדער־רײַכע פידעל
אויסגעקוּשט די שענסטע ליעדער
װעלכע קלינגען קײַן מאָל װידער
מיט דעמזעלבען זיסען צויבער,
רײַן און הײליג, רײַן און זויבער, —

אויף אַ ווערבע — אויף אַ שטומע,
הייגט דער חלום פון מײַן אומה...
יאָ, אַוועק איז יענער חלום,
דאָך דיר חלומ׳ט פון דאָס נײַ —
הערסט דו, ייד? פון ווײַטענס „שלום!"
רופט צו דיר אַ נײַער מאַי.
ווייַן ניט, ביסט נאָך ניט פערלאָרען,
כאָטש דו ביסט פון ליידען מיעד, —
נײַע יאָהרען, גוטע יאָהרען
ווינקען שוין צו דיר, מײַן ייד!
הערסט דו דורך דעם וואָלקען ציהען
הימעלרײַכע מעלאָדיען,
זיסע כרובים — האַרמאָניען?
הערסט דו, הערסט דאָס נײַע ליעד?

ווידער וועט דײַן אתרוג שמעקען,
גלאַנצען וועט דײַן אַפּעלסין;
ווידער וועט זיך גאָט ערוועקען
און וועט ברײַנגען דיך אַהין...
זינגען וועסטו הירטענליעדער,
פּאַשענדיג נאָך דײַנע שאָף;
לעבען וועסט דו, לעבען ווידער,
לעבען אייביג, אָהן אַ סוף.
נאָך דײַן שרעקליכער נסיעה
וועסט דו אָטהעמען מיט לוסט, —
אונטער׳ן שטומען באַרג מוריה
קלאַפּט עס נאָך אַ העלדענברוסט...

קײנער װעט דיך מעהר ניט טרײַבען
מיט זלזולים אָהן אַ צאָהל ;
אין דער הײם װעסט דו פערבלײַבען
שטיל און רוהיג, װי אַמאָל.
טרעט פונאַנדער נאָר די שטעװשקע
פון דײַן אַלטען פאָטערלאַנד,
ס׳גליהט נאָך דאָרט אײַן האָלעװעשקע
בײַ דער אײַנגעפאַלענער װאַנד ! ...

מארים ראזענפעלד.

אַ הערבסט־ליעד.

ס'איז דונקעל, קאַלט און טרויעריג,
עס איז מײַן האַרץ פערקלעמט,
ווי שפּעט אין הערבסט אַ פויגעלע
פערגעסען אין דער פרעמד...

אַ וואָלקען הײַנגט אַ בלײַערנער,
אַ שוואַרצער וואָלקען קריכט, —
מײַן האַרץ איז פול מיט בײַנקעניש
נאָך שענקײַט און נאָך ליכט;

אַ שאָטען הײַנגט אַ פינסטערער,
ער דריקט און פאַלט אויף מיר,
ער זויגט דאָס בלוט פון האַרצען אויס
און וואַרט בײַ יעדען טהיר,

און אֵימַת־מָוֶת שפּרײַט אַרום
די פליגלען אויס און היט...
פערגליווערט מאַכט איהר גיפטיגער,
איהר שווערער קאַלטער טריט.

געראוישען בלאָנזען שרעקליכע,
זיי הײַנגען אויף דער גאַס,

עָם אָטהעָמט אַ פּעָרטוּיעָרטעָר,
אַנ׳אײַנגעָשטיִקטעָר האָס ...

עָס וואַקסעָן בלאַסעָ קינדעָר אויף
פון הױגעָל שװאַך און קראַנק.
ס׳איז שוואַרץ און מָרָה־שְׁחוֹרָה׳דיג
דעָר קינדעָרשעָר געָדאַנק,

און אױגלעָך, פריִה פעָרדונקעָלטעָ,
האָט אָבגעָגלאַנצט זיך בלוט,
וויִ פליִעגלעָן אָבגעָבראָכעָנעָ,
פאַלט פריִה די קראַפט און מוטה...

ס׳איז פול מײַן הארץ מיִט בײַנקעָניש,
עָס הערט פון שמעָרץ פעָרברעָנט,
צום היִמעָל דורשטיִג ציִהעָן זיך
די אויגעָן און די העָנד ...

ס׳איז שוועָר מיִר דאָ צו אָטהעָמעָן,
עָס ציִהט מײַן הארץ אַהיִן,
וואו ס׳לײַכטעָן דיונעָס זאַמדעָנעָ
און גלעָנצעָן וויִ ברוסטיִן,

וואו ס׳ציִהט זיך אַנ׳אונעָנדליִכעָר,
אַ היִמעָל בלוי און טיִעף,
אַ וואָלקעָן שוועָבט אַ זיִלבעָרנעָר,—
אַ שײַנענדיִגעָס שיִף ...

עס הויבט זיך אין דער פריהלינגס־לופט
און שוועבט צום הימעל הויך,
ווי קְטֹרֶת פון דעם כֹּהֵן׳ס האַנד,
אַ בלאָה דורכזיכטיג רויך;

עס שטעהען דערפער יודישע,
אַ ליכטיג לעבען בליהט,
עס ווערט די צוקונפט אונזערע
געגאָסען און געשמידט...

אַזוי ווי גלעקלעך זילבערנע,
און פרישען גרינעם סְכַך —
קלינגט ווידער די פערגעסענע,
די אויפגעלעבטע שפראַך...

פון אַלטען לעבען לײַכט זיך אָב
און פאַלט אויף אַלץ אַ גלאַנץ, —
די צוקונפט מיט פערגאַנגענהײַט
פלעכט אויף זיך אין אַ קראַנץ...

עס רוישט דער יַם און צאָרענט זיך
און שפריצט מיט פערעל־שוים...
ביזט שען, מײַן לאַנד, און שײַנענדיג
און ליכטיג ווי אַ טרוים!...

אַנ׳אָדלער פליהט, אַ מעכטיגער,
איך זעה איהם שוועבען לאַנג,

אויף אָדלער־פליִעגלען הויבען זיך
מײַן טרוים און מײַן געזאַנג...

מײַן האַרץ איז פול מיט בײַנקעניש,
עס ציִהט צו דיר, מײַן לאַנד,
נאָך וואונדער אונגעזעהענע
איז אויסגעשטרעקט מײַן האַנד...

חֲלוֹמוֹת אַלטע, גאָלדענע
זײַ קומען אומגעריכט...
מײַן האַרץ איז פול מיט בײַנקעניש
נאָך שענקײַט און נאָך ליכט...

ל. יפה.

דאָס ליעד פון דעם ברויט.

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער:
אונזער הילף ביסט דו אַליין!
נעהמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.

לאָז די זון אונז בריהען, בראָטען,
זי האָט אונז געשיינט צום גליק:
וועהט דאָס ברויט איז אונז געראָטען...
קינדער, קיינמאָל ניט צוריק!...

גרויסער גאָט! דו העלפסט דעם מענשען,
אַז ער רופט צו דיר אין נויט!
זאָלסט אונז ווייטער טאַקי בענשען
מיט הַצְלָחָה און מיט ברויט!...

לאָזען אונזערע קינדער וויסען
פון אַ לעבען אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט, און יעדער ביסען
איז פון אונזער אייגען פעלד!...

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער:
דו ביסט אונזער הילף אַליין!
נעהמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!...

מ. מ. ווארשאווסקי.

* * *

לאַנד, אָ לאַנד, בײַ דיר נאָר אײנציג
װער עס װוכט געפינט אַ טרײסט!
לאַנד, אָ לאַנד, בײַ דיר נאָר אײנציג
בליהט די בלום, װאָס האָפנונג הײסט.

כ׳האָב די בלום געזעהען בליהען
אויף דײַן גאַנצער לענג, אָ לאַנד —
פון די זאַמדען פון תל־אָביב
ביז צום גרינען גליל־שטראַנד.

כ׳האָב די בלום געזעהען װאַקסען,
װאו דער רויטער בלוט־טהוי פאַלט —
אויף מרחביה׳ם גלוטענפעלדער
אין חדרה׳ם קיהלען װאַלד.

אויף מרחביה׳ם גלוטענפעלדער
קוקט מען קאַלט דעם טויט אין אויג —
הערסט דעם נאָמען, פרײַנד אין גלות,
פאַר זײַן קלאַנג דעם שטערען נויג!

אִין חֶדֶרָה'ס קְוִהלֶען שָׁאטֶען
שְׁטִיַיגְט פוּן קְבָרִים לֶעבֶּענְסְגְלוּט —
כ'האָב מַיַין הַארְץ דִי רוּה פַערְבָּאָטֶען,
וָוען כ'האָב דאָרְט מִיךְ אוֹיסְגֶערוּהְט.

שמואל יעקב אימבער.

הײמאַטס־קלאַנגען.

באריס שאץ געווידמעט.

דער ערשטער שטראַהל פערגאָלדעט קוים
פון ווײַטע בערג דעם בלויען זוים,
דעם פײַכטען, שמעקענדיגען צוים
פון צאַרטע ציטערנדע מימאָזען, —
עס הײנגט אויף זיי אַ כּשוף־טרוים,
וואָס האָט די לְבָנָה־נאַכט געלאָזען...

אין בליהונג שטעהען יונגע מאַנדלען,
ווי אין אַ ווײַסען חוּפָּה־קלײד
מיט ראָזע שפּיצען אויסגענײהט...
עס ציהט דאָס האַרץ, אין טהאָל צו וואַנדלען,
פון בלומען בלוי און געל און רויט...

עס לײַכט פון יַם דער ווײַטער שפּיעגעל,
עס גלענצט און הוידעט זיך דער שוים
בײַ אַ פערזילבערט דיונען־היגעל,
ווי אַ פער'חָלוֹם'ט קינד אין וויעגעל...
ס'בעצויבערט אַלץ אַ יונגער טרוים,
ווי מיט אַ ווײַסען זילבער־פליעגעל...

דער שטראַהל פערגאָלדעט די געצעלטען,
וואָס שטעהען אײַנזאַם אויף דעם פעלד, —
מען הערט אַ רוף, אַ שטימע זעלטען,

ווי אַ גערויש פון ווײַטע וועלטען,
און ווידער שווײַגט און טרוימט די וועלט ...

עס פאַלט דער טהוי, ווי קינדער־טרערען,
אויף יונגע גרעזעלעך און צווײַגען
און שפּיגעלט אָב דעם מאָרגען־שטראַהל.
די פעלדער חלום׳ען און שווײַגען
אין בלענדענד־פּליעסענדען קריסטאַל —,
מען קאָן די מאָרגען־שירה הערען,
די שטילע רײַנע תּפלת־טל...

ווי קטורת פּליעסט אַ דינער רויך
פון זאַפטיג־פרישען, גרינעם פעלד,
עס קומען קלאַנגען זים און ווייך
און שווימען שטראַהלענד אין דער הויך
צום בלויען הימלישען געצעלט.
דער ווײַטער ים איז שטיל מתפּלל,
די גרינע טהאָלען זאָגען הלל
און שירה זינגט די גאַנצע וועלט...

ל. יפה.

שולַמִית.

שולַמִית זינגט,
שולַמִית זינגט
אין אַלטען אײַלבירט־גאָרטען...
אַ יונגער קול,
אַ ליעבער קול,
צוגיסט זיך זים פון דאָרטען.
זי זינגט, זי רופט:
„דו, העלע לופט,
דו, הײַסער, טיעפער הימעל,
וואַכט־אויף פון שלאָף!
זאָל זײַן אַ סוֹף
צו אײַער אַלטען דרימעל.
צינד־אָן, דו, נאַכט,
אין הימעל־פּראַכט
דײַן שטילען, בלויען פײַער...
איהר הערט? איהר זעהט?
מײַן חָתָן געהט,
מײַן ליעבער, גוטער, טרײַער...
ווי מיעד איז ער!
ווי ביטער, שווער
איז איהם דער וועג געוועזען!
געקרײַנקט, געדאַרט,

און אַלץ געוואַרט
ווען גאָט וועט איהם דערלייזען.
שטעה אויף־זשע היינט,
מיין טרייסט, מיין פריינד!
ווער פריש און פרעהליך ווידער,
פערגעס דיין לייד,
װעק־אויף דיין פרייד,
גלייך־אויס די קראַנקע גליעדער;
קום, קום צו מיר,
איך וועל מיט דיר
מיין קראַפט און האָפנונג טיילען,
דו זאָלסט קיין טרעהר
ניט וויסען מעהר,
דעם לעצטען קומער היילען"...
שולמית זינגט!...
ווי זילבער קלינגט
איהר ליעד — און רויזען בליהען...
שולמית זינגט,
שולמית זינגט,
דאָס נייע ליעד פון ציון!...

ש. פרוג.

שולַמית.

שולַמית זינגט,
שולַמית זינגט
אין אַלטען איילבירט־גאָרטען...
אַ יונגער קול,
אַ ליעבער קול,
צוגיסט זיך זים פון דאָרטען.
זי זינגט, זי רופט:
„דו, העלע לופט,
דו, הייסער, טיעפער הימעל,
וואַכט־אויף פון שלאָף!
זאָל זיין אַ סוף
צו אייער אַלטען דרימעל.
צינד־אָן, דו, נאַכט,
אין הימעל־פּראַכט
דיין שטילען, בלויען פייער...
איהר הערט? איהר זעהט?
מיין חתן געהט,
מיין ליעבער, גוטער, טרייער...
ווי מיעד איז ער!
ווי ביטער, שווער
איז איהם דער וועג געוועזען!
געקריינקט, געדאַרט,

און אַלץ געוואַרט
ווען גאָט וועט איהם דערלייזען.
שטעה אויף־ושע היינט,
מיין טרייסט, מיין פריינד!
ווער פריש און פרעהליך ווידער,
פערגעס דיין לייד,
וועק־אויף דיין פרייד,
גלייך־אויס די קראַנקע גלידער:
קום, קום צו מיר,
איך וועל מיט דיר
מיין קראַפט און האָפנונג טיילען,
דו זאָלסט קיין טרעהר
ניט וויסען מעהר,
דעם לעצטען קומער היילען"...
שולַמית זינגט!...
ווי זילבער קלינגט
איהר ליעד — און רויזען בליהען...
שולַמית זינגט,
שולַמית זינגט,
דאָס נייע ליעד פון ציון!...

ש. פרוג.

אינהאלט:

זייט.

ביינקסט אויך — ר' יהודה הלוי (איבערזעצט דורך ח. נ. ביאליק) . 3
אין דער פרעמד — י. ל. פרץ 6
געהענדיג נאך צווייגען — א. רייזין 7
פון דעם גרויסען ים דערוויטערט — יהואש 8
פונ'ם ליעד "א זומער נאכט" — ש. פרוג 9
פונ'ם ליעד "ספירה" — מארים ראזענפעלד 12
מיין גיט-בעצאהלטער חוב — יהואש 13
זאמד און שטערען — ש. פרוג 14
אויפ'ן בוזים פון ים — מארים ראזענפעלד 15
מיין פריינד, צי דו ווייסט — א. רייזין 20
דאס לעצטע ווארט — ח. נ. ביאליק 22
האט רחמנות — ש. פרוג 29
פון דער פאעמא "שחיטה שטאדט" — ח. נ. ביאליק 31
אויף קדוש השם — מ. ווארשאווסקי 35
דאס ערגסטע פון דער תוכחה — יהואש 39
די חנוכה ליכט — מארים ראזענפעלד 41
אלימפוס און חורב — יהואש 43
פון יחזקאל — י. ל. פרץ 46
פאר משיח'ן — ד. פרישמאן 48
הנרות הללו — ש. פרוג 54
צום פאלק — מארים ראזענפעלד 56
גלוסט זיך מיר וויינען — ח. נ. ביאליק 57
איך קוק אויף ירושלים — פאלקסליעד 59
ים ליעדער — ר' יהודה הלוי (איבערזעצט דורך ח. נ. ביאליק) 60
אין מיטען וועג — פאלקסליעד 63
ציון-ליעדער — ש. פרוג 64
כ'וואלט געוואלט זעהן — אברהם גאלדפאדען 65
מיין הארץ איז אין מזרח — ל. יפה 66
ציון — ש. פרוג 67

זייט.

טרייסט—י. ל. פרץ 68
שיבת־ציון—אליקום צונזער 69
געוואנדערט האט יאהרען מיין זעלע—שמואל יעקב אימבער . . . 71
אידיליע—דוד איינהארן 72
יא, שרייב מיר—אברהם גאלדפאדען 75
משיח — דוד איינהארן 76
תחית המתים — ש. פרוג 77
ביי דער ארבייט—ל. יפה 80
דער יודישער מאי — מארים ראזענפעלד 82
א הערבסט־ליעד—ל. יפה 88
דאס ליעד פון דעם ברויט—מ. ווארשאווסקי 92
לאנד, אָ לאנד — שמואל יעקב אימבער 93
היימאטס־קלאנגען—ל. יפה 95
שולמית — ש. פרוג 97

אינהאלט:

זייט.

בײנקסט אויך—ר׳ יהודה הלוי (איבערזעצט דורך ח. נ. ביאליק) . . 3
אין דער פרעמד—י. ל. פרץ 6
געהענדיג נאך צווייגען—א. רייזין 7
פון דעם גרויסען ים דערוויטערט—יהואש 8
פונ'ם ליעד „א זומער נאכט"—ש. פרוג 9
פונ'ם ליעד „ספירה"—מארים ראזענפעלד 12
מיין גיט-בעצאהלטער חוב—יהואש 13
זאמד און שטערען—ש. פרוג 14
אויפ'ן בוזים פון ים—מארים ראזענפעלד 15
מיין פריינד, צו דו וויסט—א. רייזין 20
דאס לעצטע ווארט—ח. נ. ביאליק 22
האט רחמנות—ש. פרוג 29
פון דער פאעמא „שחיטה שטאדט"—ח. נ. ביאליק 31
אויף קדוש השם—מ. ווארשאווסקי 35
דאס ערגסטע פון דער תוכחה—יהואש 39
די חנוכה ליכט—מארים ראזענפעלד 41
אלומפום און חורב—יהואש 43
פון יחזקאל—י. ל. פרץ 46
פאר משיח'ן—ד. פרישמאן 48
הנרות הללו—ש. פרוג 54
צום פאלק — מארים ראזענפעלד 56
גלוסט זיך מיר וויינען—ח. נ. ביאליק 57
איך קוק אויף ירושלים—פאלקסליעד 59
ים ליעדער—ר׳ יהודה הלוי (איבערזעצט דורך ח. נ. ביאליק) . . . 60
אין מיטען וועג—פאלקסליעד 63
ציון-ליעדער—ש. פרוג 64
ב'וואלט געוואלט זעהן—אברהם גאלדפאדען 65
מיין הארץ איז אין מזרח—ל. יפה 66
ציון — ש. פרוג 67

זייט.

טרייסט—י. ל. פרץ 68
שיבת־ציון—אליקום צונזער 69
געוואנדערט האט יאהרען מיין זעעלע—שמואל יעקב אימבער. . . 71
אידיליע—דוד איינהארן 72
יא, שרייב מיר—אברהם גאלדפאדען 75
משיה — דוד איינהארן 76
תחית המתים — ש. פרוג 77
ביי דער ארבייט—ל. יפה 80
דער יודישער מאי — מארים ראזענפעלד 82
א הערבסט־ליעד—ל. יפה 88
דאס ליעד פון דעם ברויט—מ. ווארשאווסקי 92
לאנד, אָ לאנד — שמואל יעקב אימבער 93
היימאטס־קלאנגען—ל. יפה 95
שולמית — ש. פרוג 97